STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04906

NEFILIM

Eliyahu Hutner

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by the Morris P. Leibovitz Foundation
in memory of
Marc P. Leibovitz*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נפילים

נאָכ'ן תנ"ך, מדרש, תלמוד, זהר, קולטור
געשיכטע און היינטיגע צייטען.

ארויסגעגעבען פון

רעוו. אליהו הוטנער

בן העלוי ר' שמריהו זצ"ל ונכד הרב הגאון הצדיק ר' יצחק
זצ"ל ציוני, בעל המחבר „עולת יצחק", אשר היה רב אב"ד
ארבעים ושתים שנה בעיר רעזיצא, פלך וויטעבסק.

**A RELIGIOUS BIBLICAL
AND HISTORICAL BOOK**

מאנטרעאל, קאנאדע.

נאָכדרוק שטרענג פֿאַרבאָטען

PRINTED IN CANADA

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

קאַפּיטעל | זייט

1. עטליכע ווערטער פון דעם מחבר — — — — — 5
2. דער מענש באַשאַף און זיינע התחייבת׳ן
צו געפינען דעם אמת׳ן וועג פון לעבען — — — — 7
דור המבול — — — — — — — — — — — — — 19
3. דור ההפלגה — — — — — — — — — — — — 20
4. סדום ועמורה — — — — — — — — — — — — 22
5. העגל — — — — — — — — — — — — — — 23
6. דור המדבר — המרגלים — — — — — — — 24
7. קרח — — — — — — — — — — — — — — 27
8. אבימלך בן־ירבעל — — — — — — — — — — 32
9. שמשון — — — — — — — — — — — — — 34
10. אבשלום — — — — — — — — — — — — — 38
11. ירבעם בן־נבט — — — — — — — — — — — 40
12. אחאב בן־עמרי — — — — — — — — — — — 50
13. אחז בן־יותם — — — — — — — — — — — 53
14. ישמעאל בן־נתניה — — — — — — — — — 54
15. „העלעניסטען און היינטיגע אסימילאַטאָרען — — — 56

עטליכע ווערטער פון דעם מחבר

איך וויל דאָ מאַכען א באמערקונג פארוואָס איך שרייב וועגען „נפילים“ און ניט וועגען „ענקים“. איך טהו עס דערפאר ווייל אונזער פאָלק איז רייך אין ריזען — ענקים, מיר האָבען גרויסע גאונים־צדיקים אויפ'ן געביט פון תורה, אויך קעמפער, העלדען אויפ'ן געביט פון גבורה און פאטריאָטיזם, די אַלע העלדען זיינען באוואוסט און באַזונגען פון אונזערע דיכטער און בלייבען אונשטערבליך אין אונזער געשיכטע; זיי שיינען ווי דימענטען אין אַ קרוין. אלזאָ האָב איך וועגען זיי גאַרנישט צוצוגעבען; נאָר מיין גאנצע שטרעבונג איז אָפּצושאַצען די „נפילים“, וועלכע זיינען א קליינע צאָהל אַנטקעגען די ענקים, זיי די נפילים, האָבען געקענט פארבלייבען אין דער רייע פון די „ענקים“־צדיקים און ניט פארבלאָנדזשעטע — נאָר דער בייזער גייסט האָט זיי אָפּגעריסען פון דעם לעבעדיגען בוים י ש ר א ל — און פארוואָרפען זיי אין תהום פון מ"ט שערי טמאָה.

דעריבער גריבעל איך זיך אין זייערע כאַראַקטערען אום צו דערגעהן די סיבה וואָס האָט זיי געבראַכט צום פארלאָזען די קוואַלען פון לעבעדיגען וואַסער און זיך אויסצוגראָבען צובראָכענע ברונימער, וואָס קענען ניט האַלטען דאָס וואַסער.

אויך באַמערקען מיר אז פילע פון די „נפילים“ האַלטען אָן אַ שטאַרקען „קאַמף“ מיט די ברויזיגע כוואַליעס פון טמאָה און ווילען צושווימען צום ברעג פון טהרה אום צו פארבלייבען „ענקים“ — נאָר אַ געהיימע קראַפט שלעפּט זיי צוריק צום גרונט און זיי פארבלייבען „נפילים“, אייגענטליך וואָס האָט זיי געבראַכט צו אַזאַ שטופע? און וואָרום זיינען זיי אראָפּ פון ריכטיגען וועג? דאָס אַלעס וועלען מיר ארומריידען און באמונה אָפּשאַצען זייער ווערטה און ארויסזאָגען דעם מיינונג וועגען זיי.

1.

דער מענטש באַשאַף און זיינע התחייבת'ן צו געפינען דעם אמת'ן וועג פון לעבען.

מענטש הייסט אין העברעאיש: איש, אָדם, „אדם העליון", גבר, אנוש, גולם. זיי טיילען זיך אין מדרגות: איש — איז דער העכסטער מין מענש, ערשטע מדרגה: למשל, והאיש משה ענו מאד מכל האדם (במדבר י"ב, בהעלותך) און דער מאן משה איז געווען זעהר דערמוטיגט, מעהר פון אלע מענשען וואָס זיינען אויף דער ערד. — משה איז געווען דער נביא ד' וואָס זיין נבואה איז געווען העכער ווי די פון אַנדערע נביאים: זיין נבואה איז גע־קומען פון קב"ה אָהן אַ פאַרמיטלונג פון חלום אָדער עקסטאַז, נאָר דירעקט (פה אל פה אדבר בו).

אָדם—איז די צווייטע מדרגה, כלל הוא בתלמוד כי בני ישראל נקראים, „אדם" ואין הגוים נקראים אדם (בבא מציעא ק"ד עמוד ב') — „ואתן צאני צאן מרעיתי אדם אתם" (יחזקאל לד' ל"א)—עס איז א כלל אין תלמוד אַז דאָס אידיש פאָלק רופט זיך אָן מיטן נאָמען „אָדם" אָבער ניט אַנדערע פעלקער באַצייכענען זיך מיט'ן טיטול „אָדם", נאָר מיט'ן נאָמען מענש. — אזוי ווי יחזקאל הנביא זאָגט: און איהר מענשען זייט מיינע שעפסען, מיינע געפיטערטע שעפסען זייט איהר, איך בין אייער גאָט.

גבר—איז די דריטע מדרגה—גבר לשון גבורה, מראה על כח גברא שיש באדם למשל: ודרך גבר בעלמה (משלי ל') — גבר—צייגט אונז אָן אויף דער אינערליכער קראַפט וואָס געפינט זיך ביי אַ שטאַרקען מענשען.

אנוש — איז די פערטע מדרגה: צייגט אונז אָן אויף אַ פּראָסטען מענשען: למשל, ולשת גם — הוא ילד בן ויקרא את—שמו אנוש אז הוחל לקרא בשם ד', (בראשית ששי כו') רש"י כו' אז הוחל לשון חולין לקרא את שמות האדם ואת שמות העצבים בשמו של הקב"ה לעשותן אלילים ולקרותן אלהות. — און צו שת איז אויך אַ זוהן געבוירען געוואָרען, און ער האָט גערופען זיין נאָמען אנוש, דאַמאָלסט האָט מען אָנגעפאַנגען צו רופען אָן דעם נאָמען פון גאָט—אין די טעג פון אנוש האָבען זיך געמעהרט די קינדער פון אדם און זיי האָבען מורד געווען אין גאָט און האָבען געדינט עבודת כוכבים. אנוש ווערט דערמאָנט אין תנ"ך צום איבל אויסדרוק פאַר דער פאַר איז אנוש אַ

פראָסטער מענש. חז״ל דריקען זיך אויס — „אינש״ במקום „אנוש״. למשל: „חייב אינש לבסומי בפוריא עד דלא ידעי בין „ארור המן לברוך מרדכי״. (מגילה ז׳ עמוד ב׳) דאָס הייסט, יעדער מענש איז מחויב צו שכור׳ן פורים ביז ער זאָל ניט וויסען קיין אונטערשיד פון „ארור המן״ ביז „ברוך מרדכי״.

מען דערצעהלט אַ גוט־וואָרט פון רבי נחום טשערנאָבילער וועגען דעם מאמר, ער האָט געפרעגט: ווי קען דאָס זיין? אַ איד ווי שכור ער זאָל ניט זיין, ווען מען זאָל איהם דערמאָנען מרדכי׳ן, וועט ער איהם געוויס בענשען, און המנ׳ען וועט ער שעלטען, נאָר אזוי ווי מיר וויסען אז „אינש״—„אנוש״ איז אַ פראָסטער מענש, מיינט מען אזוי: שמחת־תורה פרעהט זיך דער „איש״ און דער „אדם״ ווייל זיי האָבען געלערענט תורה אַ גאַנץ יאָהר, אָבער ניט דער „אינש״, ווייל ער האָט ניט געלערענט; אָבער פורים דאַרף זיך אויך פרעהען דער „אינש״ כאָטש ער ווייס ניט וואָס פורים באַדייט. אָבער ער געהט אויך אריין אין כלל, ווייל המן האָט געוואָלט אלע אידען פארניכטען.

ג ל ם — אין העברעאיש איז אַ קערפער, אַ צורה, געשטאָלט — נאָר אין אידיש איז גענומען געוואָרען צו רופען אַ נאַרישען מענשען מיט׳ן נאָמען „גולם״ — אַ מענש אָהן שכל.

דער מהר״ל הקדוש דערצעהלט די געשיכטע, האָט באַשאַפען אַ גולם אין פראַג, וועלכער האָט דורך זיין באַפעל געשלאָגען די „עלילת-דמ׳ניקעס״, ער האָט פון זיי אין פראַג געמאַכט א תל... האָט מען געזאָגט דעם מהר״ל זצ״ל, אז עס וועט אפילו איין גוי ניט פארבלייבען אין פראַג צו פארלעשען די ליכט אום שבת... האָט מהר״ל הק׳ דאַן געמאַכט פון איהם א סוף אויף אַזאַ אופן: מהר״ל הק׳ און זיין איידים הגאון מוהר״י כץ און אויך זיין תלמיד ר׳ יעקב ששון הלוי, וועלכע האָבען גענומען אַנטייל אין יוסילי גולם׳ס באַשאַפען ווערען, האָבען געמאַכט 7 הקפות ארום איהם און דערנאָך איז שוין געווען דער גולם טוידט און איז געלעגען ווי א שטיק פארהאַרטעוועט ליים. און איצט ליגט דער גולם אויף דעם שוהל־בוידעם ארונטערגערוקט אונטער דעם גרויסען באַרג שמות, וואָס איז דאָרט געלעגען .

איצט, אין אונזער צייט האָט זיך באַריהמט געמאַכט דער אַנטיסעמיטישער דייטשער „גולם״, וועלכער שרייט ווי נערה המרסה, הויבט די קולאַקעס, שלאָגט זיך, גראַבעוועט אידישע גוטס און האָב, פארמוטשעט אידען און קריסטען אין קאָנצענטראציע לאַגערן, ער שיסט מיט פולווער... פארשקלאַפט פעלקער, אַ געפעהרליכער גולם!...

אַ וואו נעמט מען א גרויסען דונער, וואָס זאָל פאַלען אויף שונאי־ישראל׳ס קעפ און זאָל זיך אָפרעכענען פאר אַלע דורות!...

נעשה אדם בצלמנו וכ׳

(בראשית א׳ כו׳)

אמר להו קוב״ה אומנתא חדא אית לי למעבד אתפתחו, כולחון כחדא למיהב בו כל אחד מחולקא דלי ואנא יהיב חולקא, וכן איתא באבות דר״נ שהאדם הוא „עולם קטן״ שכל הנבראים כלולים בו. — האדם נברא ונעשה מכל הכחות וכל הפעולות שנמצאו בכל ברואי מעלה ומטה, וע״כ הוא מרכז כל העולמות שבו תלו חרבן כל היצור או קיומו והוא עולם קטן.

(זוה״ק פנחס רל״ח).

בעת גאָט האָט באַשאַפען די וועלט האָט ער געזאָגט אויפ׳ן זעקסטען טאָג: „נעשה אדם בצלמנו כדמותנו וכ׳ (בראשית א׳ כו) לאָמיר מאַכען אַ מענשען אין אונזער בילד, נאָך אונזער גלייכען.״ זאָגט דער זוהר הקדוש אויף דעם:— האָט גאָט געזאָגט צו אלע באשעפענישען: איך דאַרף מאַכען אַן אומנת, ענטוויקעלט זיך, איהר אלע ווי איינער, צוגעבען איטליכער זיין טייל, און איך וועל געבען מיין טייל, זאָגט אונז ר״נ אַז דער מענש ענטהאַלט אין זיך אַ קליינע וועלט, ווארום אלע באשעפענישען ענטהאלטען זיך אין איהם.

— בעסער צו פארשטיין מיינט דער זוהר אזוי: אז דער מענש איז באשאפען געוואָרען דורך גאָט, און פון אלע כחות וואָס געפינען זיך ביי אלע באשעפענישען וועלכע זיינען סיי אין דער הויך און סיי אויף דער ערד, און דערפאר איז דער מענש דער צעהנטער פון אַלע וועלטען, די וועלט קען עקזיסטירען דורכ׳ן מענשען און אויך חרוב ווערען דורך איהם.

דער מענש רופט זיך אָן אַן „עולם קטן״ — „א קליינע וועלט״.

—שאַרף און פילאָזאָפיש אין דעם קליינעם בילד נעמט ארום דער זוהר הק׳ דעם מענשען מיט זיינע מעלות און חסרונות, מדות טובות און מדות רעות, מיט זיין איינגעהאלטענקייט, מיט זיין הפקרות׳דיגקייט און מיט זיין תמימות׳דיגקייט, מיר זיין געטליכקייט און מיט זיין ענוות׳דיגקייט. מיט איין וואָרט — אין די ווערטער פון זוהר ליגט דער תמצית — עסענץ פון עקזיסטענץ פון דער מענשהייט. עס איז זעהר בולט אין זוהר אַ מענש בצורת חיה און אַ מענש בצורת אלקים.

איז דאָך אַ פראגע, האָט דאָך גאָט געקאָנט דעם מענשען באַשאַפען מיט זיין קראַפט און מאַכט און אריינגעבען אין איהם דעם ווילען נאָר צו טאָהן גוטס און ניט שלעכטס? באַשאַפען איהם פון רוחניות׳דיגען גייסט, ניט צומישט מיט חיות׳דיגען?

— נאָר גאָט מאַכט ניט קיין רעוואָלוציעס אין דעם מענשענס כאַראַקטער, ער האָט דעם מענשען אויך געגעבען זיין טייל: נשמה, רוח ונפש, און אַ מענש קען זיך מיט זיין שכל קאָנטראָלירען און זיין אַ גבור איינצוהעמען און צאַמען זיינע שלעכטע אינסטינקטען, זיטען, און פארבייטען זיי מיט גוטע. ווארום גוטע מעשים רייניגען און דערהויבען די נשמה, שלעכטע מעשים פארשווארצען און באפלעקען די נשמה. גאָט לאָזט דעם מענשען זיך ענטוויקלען ביסלעכווייז נאָך דעם סיסטעם פון עוואָלוציע און דארום איז דער מענש פאראנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים.

גאָט האָט באַשאַפען דעם מענשען פון זעלבען שטאָף, ווי די בהמות און חיות, עפר מן האדמה, אָבער ער האָט אין איהם אריינגעבלאָזען א פונק, אַ טייל פון דער גאָטהייט פון זיך אַליין.

אין אַלע מדות וואָס געפינען זיך ביי אַלע חיות און עופות געפינט זיך ביי דעם מענשען אויך, דער מענש האָט א טייל פון זיי, פון אַ שלאַנג די גיפט (אדם לפעמים מכה בלשון) פון אַ פוקס די כיטרעקייט (ערמומיות), פון אַ מאַלפּע —נאָכקרימונג — (די אַסימילאַציע); פון אַ הונט—געטריַיקייט, ריינקייט פון אַ קאַץ, אכזרית׳דיגקייט פון אַ טיגער...

אויך פויגעל האָבען געגעבען א טייל פון זיך דעם מענשען: דער נשר, אדלער — רחמנות, עורב שחור—אכזריות, חסידה—חסידות, יונה תמימות, דיה — נערוועזיטעט, שועל־ערמומיות. דער אדלער איז א רחמני, אזוי זאָגט אונז די תורה: „כנשר יעיר קינו על גוזליו ירחף, יפרש כנפיו יקחהו ישאהו על אברתו (האזינו י״א) — ווי אן אדלער בעוואכט זיין נעסט שוועבענדיג איבער זיינע יונגע קינדער — אַמאָל שפּרייט ער אויס זיין פליגעל און נעמט ארונטער זיין קינד—אדלער, אמאָל טראָגט ער איהם אויף זיינע פליגלען פון אויבען — דער אדלער איז א רחמני, ער קומט ניט אריין פלוצלינג אין נעסט, ער קלאַפּט מיט זיינע פליגעל צווישען די ביימער און די קוסטעס, כדי די אדלערלאך זאָלען זיך אויפכאַפּען און וויסען אז דער טאַטע איז געקומען. — אז ער טראָגט אריבער די קינדער פון איין אָרט צום צווייטען, טראָגט ער זיי ניט צווישען זיינע פיס, ווי אנדערע עופות, ווארום אַלע עופות האָבען מורה פאר׳ן אדלער ווייל ער פליהט העכער פון זיי, אָבער דער אדלער האָט נאָר מורא פאר׳ן חץ (פייל) — לאָז אריין דעם פייל אין מיר, אָבער ניט אין מיינע קינדער, זאָגט ער. — נאר וואָס באלאנגט צו פרעמדע פייגעל איז ער אן אכזר אום צו קריגען רויב פאר זיינע קינדער און שטילען זיין הונגער און דורשט — איז ער ברוך־טאַל: פארצוקט אַ פויגעל און שטילט זיין דורשט מיט זייער פריש בלוט און ברייגנט די פאַרצוקונג פאר זיינע קינדער.

אָט די מידה פון רחמנות פון דעם אדלער צו זיינע קינדער געפינט זיך ביי דעם מענשען. — די מעהרהייט געפינען מיר דאָס ביי עלטערען צו זייערע קינדער, פאר וועלכע זיינען גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין, אָבער וואָס באַלאַנגט

צו פרעמדע זיינען זיי אזוי ברוטאַל ווי דער אדלער. עס איז דאָ פילע מענשען וואָס צוליב זייערע פּראָפיטען באשווינדלען זיי דעם צווייטען ווען יענער איז מאַכטלאָז זיך צו פארטיידיקען.

די נאַטור פאַרשער מאַכען א באמערקונג אז די פויגעל עורב־שחור (ראַב) איז אַ שלעכטע פויגעל, זי האָט ניט קיין פונק מיטלייד צו איהרע קינדער, זיי ווערען געבאָרען ווייסינקע, דוכט זיך איהר אויס אז דאָס זיינען ניט איהרע קינדער, ווארום זי איז שווארץ? זי פארלאָזט זיי. אזוי איז דאָ אומאָרענטליכע פרויען וואָס האָבען אומגעזעצליכע קינדער און פארלאָזען זיי. — דער ווייסער עורב איז ניט קיין אכזר ווארום ער האָט געבראכט אליהו הנביא עסען. (והעורבים מביאים לו לחם ובשר בבקר ולחם ובשר בערב ומן הנחל ישתה). (מלכים א׳ י״ז) די עורבים האָבען צו איהם געבראָכט ברויט מיט פלייש אין דערפריה און אויך אין אָוועגט; און געטרונקען האָט ער פון טייך!

די פויגעל דיה (וויהע) איז אלעמאָל בייז־נערוועז. — די שלעכטע מדות פון די פויגלען געפינט זיך אײן אין דעם מענשען, וואָס זיינען שלעכטע, בייזע, נערוועז ווי דיה און עורב שחור. — עס טרעפט אז אנדערע מענשען זיינען ביטער ווי גאַל, רייסען די אויגען פון דעם צווייטען אזוי ווי די ראָבען. — אויך איז דאָ גוטע פויגלען, וועלכע טיילען זיך דעם ביסען מיט׳ן צווייטען, אזוי ווי די חסידה (שטאָרך) — א״ר יהודא החסידה זו דיה לבנה ולמה נקרא שמה חסידה שעושה חסידות עם חברותיה מחלקת עמהם מזונותיה. (חולין ס״ג, עמוד א׳) — דער שטאָרך איז גוט צו זיינע חברים, ער טיילט זיך מיט זיי דעם ביסען פון מויל. — פילע לעגענדען זיינען דאָ וועגען דעם שטאָרך, רבי יהושע בן חנניא — נשיא הסנהדרין האָט זיך אויסגעצייכענט מיט שעהנע משלים וועגען חיות און עופות. איינמאָל האָבען די אידען געוואָלט רעוואָלטירען קעגען רוים. די סיבה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער רוימישער קיסר האָט געגעבען רעכט צו די אידען בויען דעם בית־המקדש, די אידען האָבען זיך גענומען פאר דער ארבייט מיט גרויס חשק און צונויפגעזאמעלט פיל געלט. זיינען דעמאָלסט געקומען צום קיסר די כותים — שונאי־ישראל און איהם געזאָגט ער זאָל פארבאָטען בויען דעם בית־המקדש, ווארום אידען וועלען שאַפען א אייגענע מלוכה און מורד זיין אין קיסר. האָט דער קיסר געזאָגט צו זיי ער האָט מבטיח געווען צו אידען בויען דעם בית־המקדש און זיין וואָרט ניט נעמען צוריק. האָבען זיי איהם געענטפערט אז ער דארף ניט נעהמען דעם וואָרט צוריק, נאָר ער קען זיי זאָגען בויען דעם בית־המקדש מיט עטליכע אמות־איילען לייגגער, אָדער קורצער, אָדער הייסען בויען דעם בית־המקדש אויף אַן אנדער פּלאַץ, וועלען די אידען שוין במילא אויפהערען צו בויען. כך הוה. דער קיסר האָט געהייסען בויען אויף אַן אנדער אָרט דעם בית־המקדש, דאַן האָט דאָס פאָלק אויפגעקאָכט.

די געפאר האָט ארויסגעזעהן רבי יהושע בן חנניא, ווארום רוים איז געווען

דאָן זעהר שטאַרק און געקענט פאַרניכטען. האָט ער באַרוהיגט דאָס פאָלק אין בית רמון מיט א שעהנעם משל: דער לייב דער קעניג פון די חיות האָט איינ־מאָל געגעסען זיין רויב און האָט זיך פּלוצלונג געגומען ווארגען מיט אַ ביין. האָט ער אָנגעהויבען רופען צו הילף, צוזאָגענדיג אַ גרויסע באַלוינונג יענעם וואָס וועט איהם ארויסציהען דעם ביין פון האַלז. איז געקומען צופליהען אַ שטאָרך, וועלכער האָט אריינגערוקט זיין לאַנגען שנאָבעל דעם לייב אין מויל, און האָט ארויסגענומען דעם ביין, דאָן האָט דער שטאָרך געגומען פאָדערען ביים לייב די צוגעזאָגטע באַלוינונג; נאָר דער לייב האָט מיט אַ געלעכטער געזאָגט: „געה דיר און זיי צופרידען וואָס דו האָסט ארויסגענומען דיין קאָפּ גאַנץ פון מויל. (סדר תולדות, ממדרש בראשית רבה פרשה ס״ד).

אזוי איז מיט אונז אידען, מיר דארפען דאַנקען גאָט וואָס מיר עקזיסטירען אויף דער וועלט, געפינענדיג זיך אין אַזאַ לייבען גרוב.

אזוי ווי דער שטאָרך זיינען אויך דאָ גוטע מענשען וואָס אין א עת־צרה רופען זיי זיך אָפּ וועגען צווייטענס אומגליק און טוען אלץ וואָס מעגליך איז אָבער שלא על מנת לקבל פּרס, כאָטש זיי באַקומען גאַרנישט.

די תמימות פון אַ טייבעלע איז זעהר בולט ביי אונז אידיש פאָלק; די טייבעלע מיט איהר קער, מיט איהר ריהר צייגט זי ארויס איהר תמימות, ישראל שומר טהרת המשפחה כן היונה אינה נזקקת אלא לבן זוג שלה.

חז״ל זאָגען נמשלו ישראל ליונה: ווען דער יעגער שיסט איהר ארונטער איין פליגעל גיט זי זיך נאָך אַלץ ניט אונטער, זי לויפט ווייטער מיט דעם צווייטען פליגעל וואָס איז איהר פאַרבליבען, און אז דאָס טייבעלע איז פארמאַ־טערט רוהט זי זיך אָפּ אויף א בוים און אויב מען טרייבט איהר ווייטער קומט זי צו אַ צווייטען רוה־פּלאַץ ביז וואַנען זי מאַטערט אויס דעם יעגער. (חולין קל״ח).

דאָס טייבעלע איז א סימבאָל פון דעם אידישען פאָלק. מען יאָגט איהם אין ביטערען גלות פון איין פּלאַץ צום צווייטען, פון איין לאַנד צו דער צוויי־טער, אָבער דאָס פאָלק גיט זיך ניט אונטער און בלייבט אויף אייביג.

אויך ענטהאַלט דער מענש די אינסטינקטען פון חיות הבית און חיות היער: חתול איננו מטיל רעי בפני אדם ומכסה צואתו (עירובן ק׳ רש״י) — דער מענש האַלט זיך ריין, וואַשט זיך אזוי ווי די קאַץ. — אַ מענש ענטהאַלט אין זיך אויך געטרייקייט פון אַ הונט. מען דערצעהלט א גלייכוווערטעל, די ערשטע ווייב איז אַ הונט, ווארום זי איז געטריי דעם מאַן אזוי ווי אַ הונט, די צווייטע ווייב איז אַ קאַץ, זי גראַבעלט זיך, אויך די דריטע ווייב איז אזוי ווי א מויז, מען געפינט איהר ניט, זי אנטלופט פון דער היים..

אַמאָל איז א מענש אזוי ווי א מאַלפּע, עס איז דאָ אַ מין פון פלינקע מאַל־פּעס „באַבונס״, וועלכע עס איז שווער זיי צו כאַפּען. די פאַנגער ווייסען זייער נאַטור אז זיי האָבען ליעב ניסלאַך, נעהמען זיי א בוטל מיט אַ שמאַלען קעפּעל

און פילען עס אָן מיט ניסלאך, די מאַלפּעס, קריכען אַראָפּ פון די בוימער און זיי דערזעהען די ניסלאך אין בוטלען, שטופּען זיי אריין די לאַפּעס אין פלעשעל אום ארויסצונעמען די ניסלאך, דאַן פאַנגט זיי דער יעגער, די מאַלפּע וויינט און לאָזט ניט אוועק די ניסלאך...

אזוי איז דער מענש, ער טוט נאָך אלעס וואָס דער צווייטער טוט, למשל, עס זיינען דאָ אסימילאַטאָרען, וואָס מאַכען נאָך דעם חבר דעם קריסט, אזוי ווי אַ מאַלפּע. דער קריסט מאַכט „א יאָלקע" — (א קריסטמאַס טרי) — מאַכען זיי נאָך דעם קריסט פּינקטליך ווי ביי איהם... מאַלפּענען זיי נאָך דעם קריסט, זעהען זיי געפעלען צו ווערען דעם קריסט, רייבען זיך די פּלייצעס מיט די גוים, מ'איז זיך מיט זיי מתחתן... און צום סוף האָסען אַ טייל גוים דעם אַסי־מילירטען אידען, מעהר פון ניט אסימילירטען. און אז מען הויבט אָן דעם אסימילירטען ברעכען די ביינער מיט אַ פּאָגראָם, דאַן כאַפּט ער זיך אז ער איז געווען אַ מאַלפּע בצורת אדם.

פאַרפלוכט זאָל זיין די נאָכקרימונג (חקוי) וועלכע האָט באַשאַפען די נאַרישע אסימילאַציאָן.

דער פוקס האָט אויך געגעבען אַ טייל פון זיך צו דעם מענשען — דער פוקס איז א קלוגע חיה, די קלוגסטע פון אלע חיות. זעהר פיל לעגענדען זיינען דאָ וועגען דעם פוקס: ר' עקיבא האָט געענטפערט פּפוסן בן יהודא אויף זיין פראַגע, ווי האָסטו ניט מורה פאר דער מלוכה לערנען בפרהסיה תורה? מקהיל קהלות זיין ברבים? — זאָגט איהם ר' עקיבא, איך וועל דיר געבען אַ משל למהד"מ צו אַ פוקס וואָס שטעהט ביים ברעג טייך און זעהט ווי די פיש לויפען פון איין אָרט צום צווייטען; פון וועמען לויפט איהר? פון די נעצען וואָס מענשען ברייננגען אויף אונז אָן. — זאָגט ער צו זיי: אפשר ווילט איהר ארויפ־געהן אויף דער יבשה און מיר וועלען לעבען אזוי ווי מיינע עלטערען האָבען געלעבט מיט אייערע? ענטפערען די פיש: „דאָס ביסטו וואָס מען זאָגט אז דו ביסט דער קליגסטער צווישען די חיות? דו ביסט ניט קלוג, נאָר נאַריש. מה־דאָך וואו מיר לעבען האָבען מיר מורה, א פשיטה שוין אין דעם אָרט פון אונזער טויט. (ברכות ס"א).

די קלוגשאפט פון אַ פוקס האָט אין זיך דער איד, אז ניט וואָלט דער איד אין פינסטערען גלות ניט געקענט עקזיסטירען, נאָר די אידישע קלוגשאפט איז געבונדען, געקניפּט מיט זיין גראַדען שכל, אז יענעם זאָל קיין היזק ניט ארויס־קומען און ער זאָל קענען עקזיסטירען.

מיר איז פאָרגעקומען בייצוזייו אַ קור־אָרט אין רוסלאַנד: געהען ארום אין א זומער־פלאַץ צוויי אידען און שמועס'ן, איינער פון זיי האָט געהאָט וואָהלען־רעכט (פּראָוואָזשיטעלסטווא) אין גאַנץ רוסלאַנד, און דער צווייטער האָט ניט געהאָט קיין רעכט. מיט אַמאָל באַווייזט זיך אַ גאָרדאָוואָי (פּאָליסמאַן), לאָזט זיך גלייך געהן צו זיי. — וואָס טוט מען! — זאָגט דער ניט־כשר'ער איד

צום צווייטען. — איך בין אויף גרויסע צרות. — לויף געשווינט, ווי דו קאָנסט נאָר, זאָגט דער כשר׳ער איד — און איך וועל דיר נאָכלויפען. צעלאָזט דער ערשטער די קאַפּאָטע און לויפט אָהן אַ נשמה. דער אנדערער איד — נאָך איהם, און דער גאָראָדאָוואָי נאָך זייביידען. דער גאָראָדאָוואָי האָט זיי נאכגעיאגט און געכאפּט דעם כשר׳ן איד.

גדיע טוואָיאָ פּראוואָזשיטעלסטוואָ? (וואו איז דיין פּראוואזשיטעלסטוואָ?) שרייט ער אויף איהם אַ פארשאַפּעטער. — דער איד וועיזט איהם זיינע כשר׳ע פּאַפּירען.

— פּאָטשעמו טי אודראַל? (ווארום ביסטו אַנטלאָפען?) — פרעגט ביי איהם דער ערל.

— יאָ פּיו מינעראלניע וואָדו, יאָ דאָלזשען בעגאָט פּאָסלע פּיטיאָ, דאָקטער וועלעל! (איך טרינק מינעראַלנע וואַסער, זאָגט דער איד, מוז איך לויפען, יעדעס מאָל נאָכדעם ווי איך טרינק דאָס וואַסער, אזוי האָט געהייסען דער דאָקטאָר!).

— פּאָטשעמו טאָט יעווריי אודראַל? (וואָס־זשע איז יענער איד אויך אנטלאָפען?) — פרעגט ווידער דער גאָראָדאָוואָי — פּאָטאָמו טשטאָ אָן טאָזשע סטראַדאַיעט זשעלודקאָם. (ווייל ער ליידט אויך אויפן מאָגען, דארף ער לויפען) — טי וידעל טשטאָ יאָ בעגו זאָ טאָבאָיו — פּאָטשעמו טי ניע אָסטאָנאָווילסאָ? (דו האָסט דאָך אָבער געזעהן אז איך יאָג דיר נאָך, פאר וואָס זשע האָסטו זיך ניט אָפּגעשטעלט?). איז איהם חוקר ודורש דער פּויער. — אָטקודאָ מניע זשנאָט? יאָ, וידעל טי בעגאיעש, יאָ דומאַל טשטאָ טי טאָזשע סטראדאיעש זשעלודקאָם!... (וואָס זאָל איך וויסען? ענטפערט דער איד, איך זעה אז דו לויפסט, האָב איך געמיינט אז דו ליידסט אויך, ניט פאר קיין מענשען געדאַכט, אויפן מאָגען און דארפסט נעבעך אויך לויפען).

און אזוי רעדט זיך דער איד בתמימות, קלוג ווי א פוקס און ראַטעוועט דעם צווייטען אידען.

דער טיגער, בער און לייב זיינען ניט קלוג אזוי ווי דער פוקס, אָבער חיות טורפות זיינען זיי, און האָבען געגעבען דורך גאָטס געבאָט אַ טייל פון זיך צו דעם מענשען. איז דער מענש אָפּטמאָל גלייך צו א חיה־טורפת, ווען ער פארלירט דעם חלק — אלה ממעל.

פון די מענשען־חיות וואָס זיינען זעהר בולט אין תנ״ך איז: עמלק, אשור, נבוכדנצר, עמלק איז גערעכענט פאר א מענשען־חיה (דאָס איז די יעצטיגע דייטשלאַנד) אזוי ווי עס איז געשריבען אין חומש: „זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך בצאתכם ממצרים וכו׳״ (כי תצא דברים כ״ה׳).

— גערענק, איד, וואָס עמלק האָט דיר געטאָהן אין וועג, ווען איהר זענט ארויסגעגאנגען פון מצרים. — איז געקומען עמלק פון רפידים צו שלאָגען די אידען און דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט בעת אלע פעלקער האָבען גרויס

דורך ארץ געהאַט, רעספּעקט פאַר׳ן אידישען פאָלק אזוי ווי די שירה זאָגט אונז: „שמעו עמים ירגזון חיל אחז יושבי פלשת — די פעלקער האָבען געהערט, האָבען זיי זיך דערשראָקען, א ציטערניש האָט אָנגענומען די איינוואוינער פון פלשת.

און ווי מיר באַמערקען איז ער עמלק אָנגעפאַלען אויף די אידען, ניט איבער דעם ווייל ער האָט געוואָלט צונעהמען זייער טעריטאָריע, זייערע מיינס, ווארום די אידען האָבען דאמאָלסט גאָר נישט פארמאָגט קיין שום טעריטאָריע — די אידען זיינען באַשטאַנען פון גרופּען, וואָס וואַנדערען אין מדבר, וועלכע זוכען אַ מקום מנוחה וואו צוצולייגען זייער קאָפּ אין ארץ ישראל.

עמלק איז אָנגעפאַלען אויף די אידען, ווייל זיי זיינען געווען אדוקים; געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן אין וועג ווען איהר זייט ארויסגעגאנגען פון מצרים. ער האָט דיר אויפ׳ן וועג געטראָפען און האָט דערשלאָגען אַלע שוואַכע וואָס זיינען פון הינטען געגאנגען, ווען זיי זיינען מיעד און פאַרמאַטערט — ער האָט זאָגאָר ניט געשראָקען זיך פאַר גאָט. די סיבה פון זיין אָנפאַל איז געווען איבער דעם, ווייל דאָס אידיש פאָלק זינט ער האָט אָנגענומען גאָט׳ס תורה איז געוואָרען ציוויליזירט און אָנגעהויבען פארשפּרייטען ליכטיג־קייט—געטליכקייט צווישען דער וועלט און עמלק איז געווען דער תכלית — הרע — געצענדינער און געוואָלט עוקר מן השרש זיין די יהדות — דאָס הייסט די פינסטערניש האָט געוואָלט פארטונקלען די ליכטיגקייט — די נר ישראל. ער איז אָנגעפאַלען פלוצלונג אויף אַ טייל פון זיי און האָט אָפּגעשניטען זייער מלה געוואָרפען אַנטקעגען הימעל, (כרת מלתם וזרק כלפי מעלה) צו ווייזען אַז דאָס איז אנטקעגען זיין אמונה—טמאָה. — און ער האָט געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף מיט די אידען, האָבען די אידען ארויסגעשטעלט אַנטקעגען זיי די צדיקי־האמה: משה, אהרן וחור עם שבעים זקנים — עמלק איז ארויסגעטראָטען מיט פראַפּאַגאַנדע־כשפים, צו מאכען צו גאָרנישט די אידישע אמנה, אָבער אידען זיינען ארויסגעטראָטען מיט אַ קראַפט און מיט דעם אידעאל פון אונזער אמונה און געמאכט פון איהם א תל...

אויך נבוכדנצר מלך בבל איז געווען א ריכטיגע חיה. זיבען יאָהר פאַר־קערפערט זיך אין אַ ווילדע חיה, געריסען, געביסען, פארצוקט פעלקער, חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש.

און דערנאָך געוואָרען אַ מענש... א בעל תשובה און דערצעהלט די הייליג־קייט פון אַלמעכטיגען גאָט.

אין אונזער צייט, אין 20־טען יאָהר־הונדערט רעכענט זיך פאַר „אַ מענשען חיה״ דער נייער „המן״ מיט זיינע מחבלים. — די אלטע גערמאַנער, די אור־עלטערען פון די היינטיגע תליונים זיינען ניט געווען בעסער ווי זייערע אייניק־לאך. די אַמאָליגע גערמאַנער פלעגען זיך אזוי נוהג זיין מיט זייערע עלטערען: אלע יאָהר פלעגט מען די זקנים עקזאַמענירען, די אלטע לייט וואָס האָבען גע־

זעהן און געקענט עסען מיט זייערע ציין פלעגט מען אָפּשיקען אהיים, אָבער ביטער איז געווען מיט די וועלכע האָבען געהאט שוואַכע אויגען און קראנקע ציין — די האָט מען מיט גרויס פּאַראַד ארויסגעבראַכט אויף די הויכע בערג, און זייערע אייגענע קינדער האָבען זיי אראָפּגעשטויסען פון דעם שפּיץ באַרג אין תהום און זייערע ביינער זיינען צושאָטען געוואָרען...

און אין אונזערע צייטען אין 20־טען יאָהר־הונדערט איז פון דעם זעלבען ווילדען נאַציאָן אויסגעוואקסען א מענש בצורת—חיה און האָט פאר׳סמ׳ט די מחות פון די גערמאַנער־דייטשען און כמעט דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך פאַר־קערפּערט אין א ווילדע חיה, די חיה וואַקסט און וואַקסט.... פאַרוואַקסען גע־וואָרען, זיינע האָר זענען אויסגעוואַקסען ווי ביי אַן אָדלער און זיינע נעגל ווי ביי א רויב פויגעל... א ריכטיגער נבוכדנצר... און די מענשען־חיה האָט צוגעגרייט פייער, פולווער, שווערדען, באָמבעס, טאַנקען, לופט פלאַטען... ציטער דו מענש! גיב מיר אָפּ דיין גוטס און האָב און אפילו דיין נשמה...

מענשען זיינען געוואָרען עהנליך צו די חיות וואָס געפינען זיך אין אין „נאַציאָנאַלער קרוגער פּארק״ אין דרום אפריקע: אָט לויפט שנעל אַ יונגער פלינקער הירש מיט געקארבטע הערנער — אויף זיינע דין־אויסגעצויגענע שטאָלצע פיס, ער לויפט צושראָקען און אין איין אימפּעט, נאָכ׳ן הירש לויפט ווילד, מיט דער גאַנצער קראַפט — אַ לעמפּערט. די צווילדעוועטע חיה פאַלט ארויף מיט דער גאַנצער קראַפט אויפ׳ן הירש און בייסט זיך איין טיף אין איהם...

אָט אזוי האָט זיך די מענשען־חיה זיך איינגעבּיסען אין קערפּער פון דאָס אידישע פאָלק.

און היינטיגע אַנטיסעמיטען זיינען געפערליך, אזוי ווי די גרויסע און קליינע קראָקאָדילען וואָס געפינען זיך ארום דעם וואַסער־פאַל אין אפריקע, זיי ליגען ווי צועשמידטע, צוגעוואקסענע צו די זומפּען פון די ברעגעס, אָבער זיי זיינען געפערליך, זייער ביס איז טוידט.

די מענשען־חיה פלעכט פון זודיג פאַרגאָסענעם בלוט זיך א שטריק צו פארציהען... ניט באַמערקענדיגערהייט וועט די מענשען־חיה אריינפאַלען אין אַ פאַסטקע... ווי דער טיגער אין נעץ... די לאַנד, וועלכע דריקט איהרע פעלקער, וואָס וואוינען דאָרט, מוז אונטערגעהן, אלע פעלקער וואָס וואוינען אין אַ לאַנד זיינען ווי די אברים ביי אַ מענשען, אז עס טוט וועה איין גליד דאַן טוט וועה דער גאַנצער קערפער. ווען איין פאָלק אפילו ווערט געקריוודעט דאַן קען דאָס לאנד ניט עקזיסטירען. אלע פעלקער אין אַ לאנד האָבען גלייכע רעכט.

אַ מיסטעריעזע האַנט אויף דער וואַנט האָט אָנגעצייכענט פאַר דיר אַ שווארצען צעטעל: „מנא תקל ופרסין (דניאל ה׳ כ״ב).

מנא — גאָט האָט באַשטימט דיין הערשאַפט זאָל געענדיגט ווערען.

תקל — עס איז געוואויגען געווארען אויף אַ וואָג און עס האָט זיך אויס־געפונען אַז עס פעלט.

פרס—דיין קעניגרייך איז צוטיילט...

ווארום די אויגען פון די געפייניגטע לעבעדיגע קערפערס זאָגען צו דעם דייטשען גולם מיט זיינע מחבלים: זאָל אייך גאָט שטראָפען, אייך און אייערע קינדער און אייערע קינדס קינדער ביז'ן צענטען דור. פאר'ן בלוט, פאר די וואונדען, פאר די ענוים, איהר זאָלט אָפּגעשטויסען ווערען פון דער וועלט, איהר און אייער גאנצע משפחה, איהר זאָלט זיך ראנגלען מיט'ן טויט און איי־ביגער גסיסה און נישט קאָנען שטאַרבען און נישט לעבען. גאָט וועט דיר און דיינע מחבלים שלאָגען מיט וועהזיין, מיט בלינדקייט און הארץ קלאַפּעניש. דיינע טויטע קערפערס וועלען זיין אלס שפייז פאר אלע פויגלען פון הימעל און טהיערע פון דער ערד — קיינער וועט זיך פאר זיי ניט שרעקען.

מיר אידען דארפען זיך ניט פיהלען דערשלאָגען. מיר האָבען איבערגע־לעבט פרעה'ן מיט דער גאנצער אזוי-גערופענער עגיפטישער ציוויליזאַציאָן; מיר האָבען איבערגעלעבט עמלק'ן, ססרא'ן די פלשתים די מעכטיגע קעניג־רייכען פון אשור, בבל און רוים. מיר האָבען איבערגעלעבט המנ'ען, טאַרקוואַ־מאַדע'ן, די קרייץ־טרעגער, די היידאַמאַקעס, די שווארצע מאַה'ניקעס פון צאַ־רישען רוסלאנד מיט די פעטליורעס און דעניקינס, וועלען מיר אָט דעם דייטשען שונא אויך איבערלעבען. ניט קוקענדיג אויף די אידישע צרות און פיין האָפען מיר אידען אז די זוהן וועט ווידער אופשיינען. ציוויליזאַציע וועט ווידער אויפבליהען — ניט קוקענדיג אויף דערויף וואָס דאָס בלוט פון פאָלק ישראל ווערט גערונען ווי וואסער, דאַרף דאָס פאָלק ביי זיך ניט אראָפּפאַלען, דאָס פאָלק דארף וויסען אז די בלוט פארגיסער וועלען אליין דערטרונקען ווערען אין דעם בלוט, און דאָס אידישע פאָלק וועט צושוואומען צום ברעג. ביי אונז איז געבליבען נאָר איין טרייסט, דאָס איז אונזער האָפענונג, מוטה ניט פארלאָרען איז קיינעס ניט פארלאָרען. האָפענונג, מוטה, ענערגיע, אמונה, בטחון — דאָס איז אונזער געצייג, מיט דערויף וועלען מיר גרויסעס אויפטאָהן, אייביגקייט. מיר מוזען זיך פארלאָזען אויף גאָט און אייגענע כחות. מיר אידען דארפען קוקען מיט מוטה און מיט גלויבען צו דער צוקונפט פונקט ווי אונזערע עלטערען. דאָס אידישע פאָלק איז געגליכען געוואָרען צו דער לבנה, אזוי ווי די לבנה פארגעהט צום סוף איטליכען חודש, און פון אָנפאנג דעם חודש הויבט זי אָן וועיטער צו לייכטען צו דער גאנצער וועלט, אזוי זיינען די אידען, זייער ליכט געהט, און געהט אונטער אין גלות און די וועלט איז פינסטער פאר זיי פון די צרות און פארפאָלגונגען, אָבער עס וועט קומען דער טאָג און די אידען וועלען לייכטען פאַר דער גאנצער וועלט אויף אייביג מיט דער ליכט פון אונזער תורה און ליכט פון אונזער לאנד ארץ ישראל.

* * *

אלזאָ פון אלעס אויבען דערמאָנטע זעהן מיר ארויס אז ווען די גאנצע מענשהייט — וואָס פאר א גרויס וואָרט דאָס איז! עס כאפט ארום די ווייסע און שווארצע, די קריסטען און אידען, די רייכע און אָרימע, די שטאַרקסטע און שוואכע, די יונגע און אלטע, אלע פעלקער, אלע ראַסען, אַלע לענדער, אַלע מענשען — געהט אויפ'ן גוטען וועג, טוט גוטע מעשים, רייניגען זיי און דערהויבען די נשמה, אָבער שלעכטע מעשים — פארשווארצען די נשמה.

דער בחיר פון אלע באַשעפענישען איז דער מענש. אין וואָס באשטייט דער תכלית פון א מענשען? מיט וואָס קען ער טאָהן דעם רצון פון זיין באַ־שעפער? וואָס דארף דער מענש טאָהן כדי דערנעהענטערען זיך צו גאָט?

— דער תכלית פון א מענשען איז צו ענטוויקלען זיין שכל, כדי דורך איהם זיך צו דערהויבען ביז צו באגרייפען די ריינע געטליכקייט (אחדות הבורא). דער נביא מיכה דערקלערט מיט וואָס א מענש קען טאָהן דעם רצון פון זיין באַשע־פער און דערנעהענטערען זיך צו גאָט? „הגיד לך אדם מה טוב ומה ד' דורש ממך כי־אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלקך" (מיכה ו' ח') — מען האָט דיר, מענש, שוין לאַנג געזאָגט וואָס גוט איז און וואָס גאָט פארלאנגט בלויז טאָהן גערעכטיגקייט, ליבען גנאד און באַשיידען געהן מיט גאָט.

דער מענש איז באשאפען געוואָרען אין בילד פון גאָט, איבער דעם דאַרף ער געהן אין די וועגען פון גאָט און זיין ענליך צו איהם; אזוי ווי גאָט איז „רחום" ו„חנון" — בארעמהערציגער און גנעדיגער, אזוי דארפסטו אויך זיין אַ „רחום וחנון" (שבת, קל"ג). די תורה זאָגט: אז דער מענשליכער לעבען איז הייליג און דער וועג צו גאָט איז דורכ'ן לעבען גופא, דאָס הייסט דורך פיהרען אַן עטישען לעבען. דער געדאנק ווערט קלאָהר אויסגעדריקט אין דעם פסוק: „קדשים תהיו כי קדוש אני ד' אלקיכם". (ויקרא, י"ט, ב') — זייט הייליג, ווארום, איך, אייער גאָט בין הייליג.

און דער באַשעפער האָט דעם מענשען געלייטזעליגט מיט א פארשטאַנדיגע פיהלענדע הארץ: צווישען פארשטעהן און פאנאנדער צו שיידען, צווישען ליכ־טיגקייט און פינסטערניש, צווישען גוטס און שלעכטס. אזוי ווי חז"ל זאָגען אין (יומא כ"ז) את משפטי תעשו — מיין לאָ — משפט — זאָלט איהר היטען. דאָס איז ווערטער, ווען זיי וואָלטען ניט זיין געשריבען איז אלאָ — אַ דין אז זיי זאָלען זיין געשריבען, דאָס מיינט, אז אין דעם מענשענס שכל איז איינגעפלאַנצט אַ כח הבחינה צו וויסען וואָס איז גוט. און מיט דעם כח־שכל קען דער מענש איינגעהמען אלע זיינע שלעכטע אינסטינקטען און זיין א בחיר של כל היצורים.

און ווייטער און ווייטער ברייטערט אויס די תורה שעהנע ווערטלאך און די קאָנווע מאכט פארביגער, אינטערעסאנטער. למשל: דער פילאָנטראָפּ הלל הנשיא זאָגט: „אם אין אני לי, מי לי?! וכאשר לעצמי, מה אני? אם לא עכשיו, אימתי? דאָס מיינט: איך מוז שטאַרק זאָרגען וועגען זיך, אז מיין לעבען זאָל

שעהנער ווערען, אָבער כ׳טאָר ניט דערלאָזען, אז אנדערע זאָלען אויף זייערע אַקסלען טראָגען די זאָרג וועגען מיר, אויב אָבער איך וועל זאָרגען בלויז וועגען זיך אליין, און טראַכטען נאָר וועגען מיין אייגען לעבען, וועט מיין לעבען זיין אומניצלאַך, מיאוס, אָהן אַ זינען.

און אויך די שטאַרקסטע מענשליכקייט פליסט אין די ווערטער פון גרויסען חכם הלל: דעלך סני לחברך לא תעביד״—„נכרי אחד בא אליו ויאמר: הנני חפץ להתיהד, אך הודיעני תמצית כל התורה בדברים קצרים, ויאמר אליו מה ששנוא עליך אל תעשה לחברך״ — דעלך סני לחברך לא תעביד — זו היא כל התורה כולה, ואידך פירושה הוא זיל גמור״ (שבת, ל״א, עמוד „א״) — אַ מאַן פון אן אנדער רעליגיאָן איז געקומען צו הלל׳ן און געזאָגט: איך וויל ווערען אַ איד נאָר ערקלעהר מיר על רגל אחת דעם תמצית־עסענץ פון אמונת ישראל. האָט איהם הלל הנשיא געענטפערט: „אַ מענש טאָר ניט טאָן דעם אַנדערען דאָס וואָס ער וויל ניט מען זאָל איהם טאָן״. — דאָס איז דער רעגעל פון דער גאנצער תורה, און דאָס איבעריגע איז נאָר אַ פירוש אויף דעם רעגעל. — גיירני על מנת שתלמדני כל התורה כולה על רגל אחת. האָט הלל פאַרשטאַנען פון זיין אויסדרוק „על רגל אחת״ אז ער מיינט צו וויסען דעם יסוד פון דער תורה פונקט ווי די פוס איז דער יסוד פונ׳ם גוף, האָט איהם הלל זעהר גוט געענטפערט: „מאַן דסני לך, לחברך לא תעבד, ואידך זיל גמור״ — ווייל דאָס איז דער „רגל אחת״, דער יסוד פון כל התורה כולה ואידך פרושא זיל גמור. — ליעב האָבען שלום, זיך ניט נאָכיאָגען נאָך כבוד, שטענדיג אויף יענעם מלמד זכות זיין — ביי זיך זיין אַ עניו — דאָס זיינען די הייליגע מדות מיט וועלכע הלל האָט זיך אויסגעצייכענט און אויך צו אנדערע געלערענט.

אָט אין דעם באשטעהט די מענשענפריינדליכקייט אין תורה און אין תלמוד — אין דעם מענשענס התחייבת׳ן צו געפינען דעם אמת׳ן וועג פון לעבען.

2.

נידעריגע ברואים פון דור המבול, דור ההפלגה, סדום ועמורה, העגל ודור המדבר.

גאָט האָט באשאַפען די מענשען, אָבער ניט אַלע האָבען אויסגעקליבען דעם שביל הזהב, עס זיינען געווען פילע מענשען — דער דור המבול — וואָס האָבען ניט אָבגעשאצט גאָטעס גוטס, וואָס ער האָט זיי געגעבען און זיי זיינען פאַרדאָרבען געוואָרען, און נידעריק געפאַלען. די רייכע נאַטור האָט זיי באַזאָרגט מיט אַלע גוטסקייטען און עס האָט קיין זאַך ניט געפעלט (עין

סנהדרין ק״ח, ב״ז, מ״ך, ל״א). איטליכער האָט געהאַט אלדאַסגוטס: הייזער און גיטער, פעלדער און וועלדער, מיט שאָף און רינדער, מיט לוסטגערטנער, טייערע זעלטענע פירות, מיט אַלע קאָסטבאַרקייטען פון דער וועלט, דאָך האָט געהערשט: קנאָה, שנאָה און גזלה צווישען זיי און זיי האָבען זיך פאַר קיין זאַך זיך ניט אָפּגעשטעלט, דער שטאַרקערער האָט געדריקט דעם שוואַכערען; עס איז אַוועק אזוי ווייט, ווי די תורה הק׳ דריקט זיך אויס: „כי—מלאה הארץ חמס מפניהם״ (בראשית ו׳) דען די ערד איז פול געווארען מיט פאַרברעכענס, רויב און גזלה, פרעכהייט פון דעם שטאַרקערען אַנטקעגען דעם שוואַכערען פון יענער צייט, אלעס וואָס עס האָט זיך אויסגעדוכט אז ביים צווייטען איז דאָס שעהנער, האָט מען צוגענומען מיט געוואלד, און די מענשהייט איז נידע־ריק געפאַלען, ביז וואנען דער רבונוש״ע האָט אָנגע׳חתמ׳ט אויף זיי א גזר דין — אַ מבול. דער מבול האָט פארניכטעט אַלעס וואָס איז געווען אויף דער וועלט, עס איז נאָר איבערגעבליבען נח און אלעס וואָס מיט איהם איז געווען אין קאַסטען.

און גאָט האָט געטראַכט אין זיין הארצען: „לא אסף לקלל עוד את־האדמה בעבור האדם כי יצר לב האדם רע מנעוריו וכ׳ (בראשית נח, ח׳ ט׳). „איך וועל ניט מעהר נאָך אַמאָל פארפלוכטען די ערד וועגען דעם מענשען, דען דאָס טראַכטען פון דאָס האַרץ פון דעם מענשען איז שלעכט פון זיין יוגענד אָן, און איך וועל ניט מעהר׳ן נאָך אמאָל צו דערשלאָגען אלע לעבעדיגע אזוי ווי איך האָב געטאָהן. — די האַרץ פון דעם מענשען איז שלעכט פון יוגענד אָן״ — ווארום דער מענש איז באַשאַפען געווארען פון גשמיות און רוחניות און אָדם יסודו מעפר — ציהט איהם צו אלע תאוות און ניט אלע מענשען קענען אלע שלעכטע אינסטינקטען דערשטיקען און זיין א בחיר של כל היצורים.

3.

דור ההפלגה.

דער דור ההפלגה האָט אויך פארזינדיגט, ווארום זיי האָבען געוואָלט מלחמה האַלטען מיט גאָט, אָבער זייער חטא איז געווען קלענער ווי דער חטא פון „דור־המבול״, אזוי ווי רש״י פרעגט ומשם הפיצם: (עין רש״י ט׳). וועמעס חטא איז געווען שטאַרקער, פון דור המבול, צו פון דור ההפלגה? איז דאָך אין פלוג דער חטא פון דור ההפלגה גרעסער, ווייל זיי האָבען געוואָלט מלחמה האַלטען אַנטקעגען גאָט און דער דור המבול האָט דאָס ניט געטאָן און דער ענש פון דור ההפלגה איז געווען א סך גרינגער, זיי זיינען ניט פארטיליגט געווא־רען — נאָר דער דור המבול זיינען געווען גזלנים און זיי האָבען זיך אלע מאָל

געקריגט און גערִיסען זיך צווישען זיך, פאר דערפאר זיינען זיי דערטרונקען געוואָרען, אָבער צווישען דור ההפלגה האָט געהערשט ליבשאַפט און פריינד־שאַפט צווישען זיי אזוי ווי עס שטעהט געשריבען: שפה אחת לשון הקדש, ודברים אחדים — באו בעצה אחת" (עין רש"י א' שביעי) — איין שפראַך העברעאיש האָבען זיי געהאָט און איין עצה. דערפאר זיינען זיי פארבליבען לעבען. מחלקת-קריג איז א קרעץ און שלום איז אָ פרייד. די חתימת של הקב"ה איז שלום.

איין שפראַך דאָס איז א גליק פאר דער מענשהייט; אין אונזער צייט שאַפען מענשען איין שפראַך מיט'ן נאָמען „אָספּיראַנטא" — פאר דער גאנצער מענשהייט.

* * *

אמאָל זיינען געגאנגען אין א מדבר דריי מענשען: אָ גרעק, אָ בעדואינער און אָ אַראַבער, זיי זיינען געווען הונגעריג און דורשטיג, געזוכט אביסעל וואַסער אָפצופרישען זייערע טרוקענע ליפען. מיט אַמאָל האָבען זיי דערזעהן אָ גייסטליכען, וועלכער האָט גוט געוואוסט דעם געגענד. זיי זיינען אלע צו איהם צוגעלאָפען און איטליכער אויף זיין שפראַך האָט געבעטען ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבען און ראַטעווען איהם פון הונגער און דורשט. נאָך זייערע באַוועגונגען האָט דער מאן פארשטאַנען וואָס ער האָט צוטאָהן. ער איז אויף אָ ווײַלע פארשוואונדען און האָט געבראַכט אָ קאָרב מיט פרישע וויינטרויבען; איטליכער פון די דריי וואַנדערער האָט געמיינט אז ער האָט דאָס באַשטעלט, האָבען זיי אָנגעהויבען ציהען די קאָרב וויינטרויבען איינער פון צווייטען ביז וואַנען דער קאָרב מיט די וויינטרויבען איז אראָפּגעפאלען און זיי האָבען דאָס צוטראָטען... — זאָגט זיי דער גייסטליכער: „איהר זעהט, ווען איהר וואָלט האָבען אלע איין שפראַך דאַן וואָלט איטליכער פון אייך פאַרשטאַנען אז ניט ער אליין האָט די טרויבען באשטעלט, נאָר אלע און איהר וואָלט דאַן דערקוויקען אייער הארץ מיט זאַפטיגע טרויבען.

זעהען מיר ארויס דערפון ווי גוט עס איז אַז אלע מענשען, אלע נאַציאָ־נען זאָלען ריידען אויף איין שפראַך, היינט אין וואָס איז באַשטאַנען דער חטא פון דור ההפלגה, וועלכע האָבען גערעדט אויף איין שפראַך, וואָרום האָט דער רבונוש"ע צומישט זייער שפראַך און פארשפרייט זיי איבער דער גאַנצער וועלט?... מיר דאַרפען דאָס פארשטעהן גאָר אנדערש, אָט וועט איך לייען די געשיכטע אין חומש בראשית וועגען דור ההפלגה, אָבער אָהן קאָמענטאַרען נאָר אלס אלעגאָריע, פארשטעה איך אזוי נאָך מיין שטאַנדפּונקט: דער דור ההפלגה האָט געוואָלט קומען נעהענטער צו געטליכקייט, הויכע אידעאַלען, שטרעמונ־גען, און זיי האָבען שיעור ניט דערגרייכט, דער אָנפאַנג איז געווען גוט, זיי האָבען פאַרשטאַנען איינער דעם צווייטען, אָבער ניט צום סוף, פריהער האָבען זיי געהאָט איין שפראַך, איין אידעאל און ציעל, זיי האָבען געוואָלט קומען

געהענטער צו גאָט לויט אידעאַלען און מענשליכקייט. נאָר צום סוף האָבען סותר געווען איינער דעם צווייטען. — פריהער איז דער גאנצער המון־עם — די גאנצע מאסע געווען איינס און געבויט א מגדל, נאָר צום סוף זיינען פאָר־געקומען שפאלטונגען צווישען זיי. איז דאַן האָט זיך אפגעטאָן פון זיי די געטליכקייט; (בלל ד׳ שפת כל הארץ) און דער מגדל איז צופאַלען . . .

— סטייטש, יענקל, נעכטען ביסטו דאָך געווען מיט איין מיינונג, מיט מיר גלייך, און היינט זאָגסטו פונקט קאַפויער, רעדסטו אויף אַן אנדער שפּראַך . . .

— יע, חיים, נעכטען בין איך משכים געווען מיט דיר, ווײלע איך האָב דיר אַנדערש פארשטאַנען . . . אלזאָ איז פון דעם דער דור ההפלגה׳ס אָנ־שטריינגונג גאָרנישט געוואָרען, גאָרנישט זיך אויסגעלאָזען, ווארום עס האָבען זיך ענטוויקעלט מענשען מיט פארשידענע אידעאַלען און אַנשויאונגען, עס איז צושטערט געוואָרען זייער מגדל און מען ווערט צושפרייט, ווײלע מען פאַר־שטעהט ניט די שפּראַך איינע פון צווייטען . . .

4.

סדום ועמורה.

צעהן דורות זיינען אוועק פון נח ביז אברהמ׳ן און אין די צייטען פון אברהמ׳ן איז זייער בולט די רשעות פון סדום און עמורה: די מענשהייט איז נידערגעפאלען. אזוי ווי דער מדרש רבה דערצעהלט: א מיידעל האָט אַמאָל ארויסגעטראָגען אַ שטיקעל ברויט צו אַן אָרימאַן אין איהר קרוג וואָס זי איז געגאַנגען מיט איהם וואסער שעפּען און די לייט פון סדום האָבען דערפון גע־וואוירען געוואָרען אזוי האָבען זיי גענומען דאָס מיידעל און האָבען זי אויס־געשמירט מיט האָניק און האָבען איהר געבונדען איהרע הענט און פיס און האָבען זי געלעגט פאר די ביהנען, און זיי האָבען זי אויפגעגעסען; אזוי איז איהר געשריי געקומען פאר גאָט, צעקת סדום ועמורה כי רבה. און פון דאָס מיידעל (רבה) איז טייטש אַ מיידעל.

אויך דערצעהלט דער מדרש אַז א בעטעל איז געווען אין סדום, אז עס פלעגט קומען אַן אורח דאַן פלעגט מען איהם לייגען אויף דער בעט. אז דער אורח איז געווען אַ לאַנגער און די בעט אַ שמאָלע דאַן פלעגט מען איהם אָפּ־האַקען די פיס, ווען דער אורח איז געווען אַ קורצער פלעגט מען איהם ציהען די פיס ביז וואַנען עס פלעגט זיך אויסגלייכען . . . מיט איין וואָרט רעים וחטאים לד׳ מאד, שרעקליך זינדיג פאר גאָט, און שוועבעל און פייער האָט זיך געשאָטען אויף זיי פון הימעל און איבערגעקערט סדום און עמורה.

* * *

דאָס איז געווען אמאָל און וואָס איז יעצט, ניט סדום און עמורה? ניט דער דור המבול? איז די מענשהייט ניט געפאַלען נידעריג אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט? — דער שטאַרקערער פאַרניכטעט דעם שוואַכערען, אַ מענש אַנטקעגען אַ מענש, אַ פאָלק אַנטקעגען אַ פאָלק, א ברודער דערשטיקט א ברודער... צו דען וועלען די שונאי ישראל ניט האָבען דעם זעלבען פסק ווי סדום און עמורה?!

5.

העגל

בעת דאָס אידישע פאָלק האָט אָנגענומען די תורה, ווען קיין אומה ולשון האָט ניט געוואָלט אָננעמען, איז דן אין אַ קורצע צייט ארום אין דער אָפּוועזענ־דיגקייט פון משה רבנו איז דאָס פאָלק ישראל פארפיהרט געווארען דורך די „ערב־רב" און געמאַכט אן „עגל־הזהב", גלייך צום „אפיס" פון מצרים, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דעם סימבאָל פון קראַפט און מאכט, אָבער ניט קיין געט־ליכקייט. דאָס איז אלעס פאָרגעקומען ווייל דאָס פאָלק איז נאָך דאַן ניט געווען ראוי מקבל צו זיין די תורה, ניט נאָך פאָלקאָם ענטוויקעלט, איבער דעם זיי־נען זיי פארפיהרט געוואָרען דורך די „ערב־רב" צו מאַכען אן עגל־הזהב און זיינען געווארען „נפילים" פון דער השפעה פון אַ פרעמדען עלעמענט ערב־רב.

און משה דערהערט גאָטס קול: „שחת עמך אשר העלית מארץ מצרים, פארדאָרבען האָט דיין פאָלק, וואָס דו האָסט ארויסגעבראכט פון מצרים. „לך רד מגדולתך", אויך דו געה אראָפּ פון דיין גרויסקייט, „כלום נתתי לך גדולה אלא בשביל ישראל, עכשיו שהטאו אתה למה לי", די גרויסקייט וואָס איך האָב געגעבען, איז געווען צוליב די אידען, איז אַז זיי האָבען געזינדיגט, וואָס דאַרף איך דיר? (ברכות ל"ב). — און משה געפינט מוטה און ענטפערט דעם רבונו־ש"ע: — דו רופסט זיי „עמך" דיין פאָלק האָט פארדארבען, זיינען זיי דען מיין פאָלק? (הם עמך ונחלתך אשר הוצאת בכחך הגדול) — „זיי זיינען דאָך דיין פאָלק וואָס דו האָסט מיט דיין גרויסער מאַכט באפרייט פון מצרים! „כד אינון זכאי דידך וכד אינון חטאי דידי" (פסיקתא) — ווען זיי זיינען פיינע לייט זיינען זיי דיינע, אָבער אזוי גיך ווי זיי מאַכען אַ פעהלער זיינען זיי שוין מיינע? — „למה ד' יחרה אפך בעמך אשר הוצאת מארץ מצרים!" — פאַר־וואָס אזא כעס אויף דיין פאָלק, וואָס דו האָסט ארויסגענומען פון מצרים?

פרעגט דער מדרש וואָס איז משה'ן איינגעפאַלען צו דערמאַנען דאָ יציאת מצרים. און דער מדרש ענטפערט: משה האָט דערמיט געוואָלט זאָגען: וואָס באקלאָגסטו זיך, רבונו־ש"ע וואָס זיי האָבען זיך געמאכט אן אָקס פאָר אַ גאָט,

דו האָסט זיי געהאַלטען אזוי לאַנג אין מצרים, וואו זיי האָבען געלערענט צו דינען צו אָקסען, טאָ וואָס איז דער חידוש? — איינער פון די בעלי-מדרש גיט דערצו א משל: א קלוגער פאָטער האָט געעפּענט פאר זיין זוהן א געשעפט פון געווירצען אין אַ גאַס פון זונות. אביסעל ארומדרייענדיג מיט זיין סחורה... איז ער פארפיהרט געווארען. קומט איין מאָל דער פאָטער און געפינט איהם מיט אַ זונה, הויבט דער פאָטער אָן שרייען און בייזערען זיך אויף איהם. זאָגט א גוטער פריינט צום פאָטער: פארוואָס ווילסטו איהם שלאָגען, דאָס איז דאָך דיין שולד, פון אלע גאַסען האָסטו קיין בעסערע ניט געפונען וואו זונות וואוינען צו מאכען איהם אַ געשעפט, דאָס איז דאָך דיין שולד.

אזוי זאָגט משה צו גאָט: דו האָסט זיי באזעצט אין מצרים, וואו זיי האָבען געלערענט צו דינען צו אָקסען, און איצטער ווילסטו זיי אויסראָטען פאר מאכען זיך אָן אָקס פאר אַ גאָט? ומה יאמרו הגוים — דו האָסט זיי ארויסגענומען פון מצרים, אבער געבען זיי דאָס לאנד וואָס דו האָסט צוגעזאָגט און צוגעשוואָרען זיי צו געבען — דאָס האָסטו ניט געקענט. — דאַן האָט זיי גאָט מוחל געווען. אָבער איינצושטילען דעם צו ווילדעוועטען פאָלק, ער זאָל צוריקקערען צו זיין גאָט און חרטה האָבען אויף זיין זינד איז איהם אָנגעקומען פיל שווערער. — נאָר דאָס פאָלק האָט זיך אויפגעכאפּט פון זייך ליטארגישען שלאָף און פארשטאַנען זיין חטא און צוריקגעקעהרט זיך צו אונזער גאָט.

און דאַן האָט משה אנערקענט אז דאָס פאָלק איז נאָך ניט פעהיג צו פארשטיין די געטליכע לעהרע פון „לא תעשה לך פסל וכל תמונה“, דאָס פאָלק קען נאָך ניט פארשטעהן דעם ריינעם און גייסטליכען גאָט.

* * *

אזוי ווי אין איטליכען דור איז דאָ כמעט אַ שטיקעלע חטא פון דעם עון העגל, אזוי איז אין אונזער דור אויך דאָ אַן עגל-הזהב — קאפיטאליזם — צו וועלכען א טייל פון אונזערע אידען בוקען זיך. — און דעם עגל-הזהב איז זעהר שווער אויסצוראָטען און פארניכטען; מען דארף האָבען אין אונזער דור אַ משה'ן, וועלכער וואָלט איהם צום צווייטען מאָל פארניכטען, פארברענען אין פייער און צומאָלען...

6.

המרגלים.

בעת די אידען זיינען געווען נאָהענט צו זייער גליק און אָט, אָט זיינען זיי שוין ביים גרעניץ פון זייער לאַנד מיט אַמאָל פארזינדיגען זיי ווייטער; „דער חטא פון די מרגלים“. זיי גיבען איבער ניט קיין ריכטיגען רעפּאָרט און מיט דערמיט צוברעכען זיי דעם נאַציאָנאַלען שטאָלץ. — אזוי ווי די תורה

דערצעהלט אונז: „ויוציאו דבת הארץ אשר תרו אתה אל — בני ישראל לאמר הארץ אשר עברנו בה לתור אותה ארץ אכלת יושביה היא וכל־העם אשר ראינו בתוכה אנשי מדות״. (במדבר שלח י״ג). — און אזוי האָבען זיי ארויסגעבראכט אַ שלעכטען באַריכט פון דעם לאַנד וואָס זיי האָבען אויסגעזעהן פאר די קינדער ישראל און געזאָגט: דאָס לאַנד וואָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען אויס־צופאָרשען איהר איז אַ לאַנד וואָס פארצעהרט איהרע איינוואוינער, און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיר האָבען דאָרטען געזעהן זיינען מענער פון גרויסען מאָס. — אז מיר זאָלען זיך גוט צוקוקען זעהען מיר אז דער זינד פון עגל איז גרינגער באַשטראָפט געוואָרען ווי דער זינד פון די מרגלים; אייגענטליך האָט געדאַרפט דער זינד פון עגל וואָס איז עבודה זרה מעהר באַשטראָפט ווערען ווי דער זינד פון די מרגלים, וואָס זיי האָבען פארזינדיגט בלויז מיט ווערטער. — די מרגלים זיינען געשטאָרבען מיט א שרעקליכען טויט. און דאָס פאָלק האָט זייער גע־ליטען. און צעהנדליגע יאָהרען האָבען זיי זיך אין דער ווילדערניש ארומגע־שלעפּט ביז דער גאַנצער אלטער דור איז אויסגעשטאָרבען. — ווארום האָט זיי געקומט אַזאַ שרעקליכע שטראָף? — דאָס פארענטפערט דער מדרש תהלים: „כשחטאו ישראל במדבר (בעגל) לא עליהם היה גזר דין עד שחטאו בפיהם (המרגלים) וכן הוא אומר: „וישמע ד׳ את קול דבריכם וכ׳ (דברים א׳). שנאמר מות וחיים ביד הלשון. (משלי) מדרש תהלים. אז די אידען זיינען דורכגעפאלען מיט׳ן זינד פון עגל האָט גאָט אויף זיי ניט גוזר געווען אַ גזר־דין זיי צו פארניכטען, נאָר אז די מרגלים האָבען פארזינדיגט מיט זייערע מיילער, גערעדט רכילות אויף דאָס לאַנד דאַן איז נגזר געוואָרען אויף זיי דער גזר־דין. גאָט האָט צוגעהערט זייער שטים און טויט און לעבען איז אין האַנט פון צונג.

— זעהען מיר נאָך חז״ל אז דער פארברעכען מיט׳ן מויל איז פיל ערגער ווי מיט די הענט: וויל רייד ווירקט מעהר אויף די צוהערער ווי פון טהאָט. — דער פארברעכען פון מעשה העגל איז אָפּגעטאָן געוואָרען מיט אַמאָל, אלס אתאודיגע זאַך צו וועלכע זיי זיינען געוואוינט געווען אין מצרים פאר מתן־תורה; אָבער נאָכהער אז משה איז געקומען און האָט איהם פארניכטעט איז ער פארגעסען געוואָרען אזוי ווי ער איז קיין מאָל ניט געווען. — ניט אזוי איז פאָרגעקומען מיט די רייד פון די מרגלים, זיי האָבען אָפּגעגעבען אַ פאַלשען באַריכט, אַנשטאָט אויפמונטערען דעם גייסט פון אידישען פאָלק און שטאַר־קען איהם צו געהן אין מלחמה, אין דער צייט ווען זיי האָבען ניט וואו צוצולייי־גען זייערע קעפּ און וואַנדערען ארום ווי די ציגיינער אין די ביידלאָך אונ־טער׳ן בלויען הימעל, האָבען די מרגלים ניט געשטאַרקט זייער רוח, נאָר געהעצט און מגזם געווען אלעס, אז די מענשען זיינען ענקים—ריזען און די אידען וועלען פאַלען פאר זיי ווי שטרוי אונטער דעם שניידער. זייערע רייד האָבען צובראָכען דעם נאַציאָנאַלען שטאָלץ, זיי, די מרגלים, האָבען פארניכ־

טעט די אידישע האָפענונגען און שטרעבונגען. דאָס פאָלק האָט געוויינט, גע־וואָלט משה'ן, אהרנ'ן און כלב'ן פארוואָרפען מיט שטיינער, ווייל זיי האָבען געטענה'ט אז עס איז ניט געפערליך, מען קען איינעמען דאָס לאנד. — און דאָן איז זעהר בולט געווען די שוואכקייט און אומפעהיגקייט פון פאָלק. מיט אמאָל פארשווינדען פון זיי זייער מוטה, שטאַרקער גייסט, זייער נאַציאָנאַליזם, זייער מסירת נפש — אָט די אלע כלי־זין וואָס אַ פאָלק מוז מקריב זיין פאר אַ לאנד איז פארשוואונדען. אָט דאָס פאָלק וואָס האָט געזעהן נסים ונפלאות און מיט זיין שטאַרקען גייסט, ווי אַ סקאָלאַ, האָט בייגעקומען סיחון ועוג מלך הבשן — איז מיט אמאָל געווארען שוואַך ווי א פרוי און וויינט ווי א קינד.

אָט מיט אַזאַ קינד קען מען ניט געהן אין אַ מלחמה... און דער גאנצער דור המדבר האָט געמוזט פארניכטעט ווערען אין דער מדבר און דער נייער דור האָט דערגרייכט דעם אידישען אידעאַל. צווייטענס דער חטא פון עגל איז געווען געגען גאָט, ער האָט פארגעבען, דער 2־טער חטא איז געווען געגען פאָלק און געגען דאָס לאנד, און דאָס פאָלק קען קיין מאָל ניט פארגעבען זיינע פארברעכער.

* * *

מיר באמערקען אז אין אונזער צייט געפינען זיך אויך מרגלים צווישען אונזער אידישען פאָלק. אין איצטיגער צייט ווען אונזערע חלוצים — דער שטאַרקסטער נערוו פון אונזער פאָלק — האלטען אַ קאַמף מיט די אַראַבער בעד עמנו ועדי אלקנו — איז אין דער צייט פילע יונגע לייט, שוואַכלינגען פון אונזער פאָלק, פארלאָזען דאָס לאנד אויס מורא און קומען צוריק קיין אַמעריקע. דאָס זיינען אזעלכע יונגע לייט וואָס זיינען געפאָהרען אין ארץ ישראל אין א שטילער צייט, ווען זיי האָבען געקענט גרינג מאַכען אַ לעבען, אָבער די ליידען און צרות פון אונזער פאָלק אינטערעסירט זיי גאָרניט און איי־ניגע פון זיי ריידען אן אויף דאָס לאנד אז עס איז אומעגליך צו באזיגען. — זייערע רייד איז אַ שאַנד, א פלעק אויף דאָס פאָלק; פאר שלעכטע אויסגעטראכ־טע ווערטער צרעת, קרעץ... די היינטיגע מרגלים שוואַכען אָפּ די הענט פון זייערע ברידער. אַזאַ עלעמענט איז א שעדליכער און דאַרף פארדינען דעם פסק פון די מרגלים.

7.

קרח.

ויקהל עליהם קרח את כל העדה, התחיל לומר לפניהם דברי ליצנות, אמר להם: אלמנה אחת היתה בשכנותי ועמה שתי נערות יתומות, והיה לה שדה — באה לחרש אמר משה: „לא תחרש בשור וחמור יחדו!״ באה לזרוע, אמר לה: „שדך לא תזרע כלאים״. באה לקצור אמר: „הניחי לקט, שכחה ופאה״ באה לעשות גורן אמר לה: „הרימו תרומה מעשר ראשון, מעשר שני״ הצדיקה עליה את הדין ונתנה לו — מה עשתה? עמדה ומכרה את השדה, ולקחה שתי כבשות כדי ללבוש גיזותיהן ולהנות מפרותיהן; כיון שילדו בא אהרן ואמר לה: „תני לי את הבכורות״. הצדיקה עליה את הדין, ונתנה לו את הולדות; הגיע זמן גזיזה „תני לי ראשית הגז״. — אמרה אין בי כח לעמוד באיש הזה, הריני שוחטתן ואוכלתן, כיון ששחטה אמר לה: — „תני לי הזרוע, הלחיים והקיבה״. אמרה: אפילו אחר ששחטתי לא נצלתי מידו ואמרה: „הרי הן עלי „חרם״ אמר לה אהרן כלי שלי הוא שכן אמר הקב״ה: „כל חרם בישראל לך יהיה!״ נטל והלך לו, והניחה בוכה היא עם שתי בנותיה; כדין כלהון עבדין להא ביזתא עלובתא ותלוין בהקב״ה.

(מדרש שוחר טוב).

קרח איז געווען דער ערשטער ראדיקאלער אגיטאַטאָר ביי אידען, גע־שטאַמט האָט ער גאָר פון גרויסע לייט פון די זעלבע משפחה ווי משה און אהרן מן שבט לוי, זיי פאָטער יצהר איז געווען עמרם׳ס א ברודער; דער שבט לוי האָט געהאַט דעם פּאָסט פון עבודת המשכן און אויך געזונגען ביי די קרבנות, אָבער די כהונה גדולה און ממשלה האָט באַלאַנגט צו משה׳ן און אהרונ׳ן. קרח איז געווען רייך, אזוי ווי דער פאָלקס שפּריכוואָרט זאָגט: „רייך ווי קרח״. — די געגנערשאַפט פון קרח בן יצהר ודתן ואבירם בני אליאב. אנטקעגען משה און אהרן האָט זיך אָנגעהויבען נאָך פון פריהער בעת ער איז נאָך געווען אין מצרים; זייער געגנערשאַפט איז געווען אנטקעגען די גאולה; דער קיי־זערליכער אוצר המצרי האָט זיי רייך געמאכט (פסחים קי״ט) פאר זיי איז געווען מצרים ארץ זבת חלב ודבש. דאָס פאָלק האָט דערמאָנט נאָר די בצלים און שומים (די ציבעלעס און קנאָבעל) אָבער דתן ואבירם ווען זיי באַקלאָגען זיך אויף משה׳ן, זאָגען זיי: „המעט כי העליתנו מארץ זבת חלב ודבש?״ (עס איז וויניק דאָס דו האָסט אונז ארויסגעבראַכט פון אַ לאַנד וואָס רינט מיט מילך און האָניק?). קרח איז געווען אפקח, ער איז ניט ארויסגעטראָטען

אַפֿען אַנטקעגנגען די גאולה, נאָר דתן ואבירם, זיינע שותפים — זיינען ארויס אַנטקעגען משה מיט אהרן מיט א געשריי: איהר האָט פארהאסט אונזער גערוך אין די אויגען פון פרעה און אין די אויגען פון זיינע קנעכט". און אויך די זעלבע חברה־לייט האָבען געשריען נאָך דער מעשה המרגלים: נתנה ראש ונשובה מצרימה!" — לאָמיר זעצען אַן עלטסטען און מיר וועלען צוריק קעהרען קיין מצרים! — (תנחומה שמות).

דער מדרש שרייבט וועגען קרח'ן אין איוב שטעהט: וישכון ערים נכחדות בתים לא ישבו למו אשר התעתדו לגלים — דאָס איז געמיינט דעם קרח. דען ער איז געוועזען ביי פרעה איין ממונה איבער די אוצרות און דערפון האָט פארזאמעלט זעהר פיל עשירות, האָט הקב"ה געזאָגט צו איהם בתים לא ישבו למו היינו — דו וועסט דאָס אָבער ניט פארנוצען. אשר התעתדו לגלים — ווייל זיי זיינען געווען אַנגעגרייט פאַר די בני ישראל וועלכע האָבען געליטען גלות. — דעם פירוש פון דעם מאמר ווערט ערקלערט אין אין קורצען משל: אין א קרעטשמע איז אמאָל געקומען א זשוליק (אַ באָם), ער האָט ארומגעטאָנצט ארום דעם זאָל באזויפענע שכורים, כדי עפּעס וואָס פון זיי צו באקומען. האָט דער קרעטשמאר איהם אַנגענומען פאר'ן קאָרק און וויל איהם ארויסוואַרפען, טענה'ט דעם זשוליק: ניט האָב קיין מורא, איך בין ניט גלייך צו אנדערע מיין גלייכען, דען אין מיין לעבען האָב איך קיין פרוטה ניט גע'גנב'עט ביי א שענקער. רופט זיך אָפּ דער בעל הבית — וואָס מאכט מיר אויס צו ביי זיי צו ביי מיר. דען פיל געלט זיי האָבען יעצט וועלען זיי דאָך באלד פארשיכורן דאָ, ביי מיר, און אז דו וועסט ביי זיי ארויסגנב'ענען וועט פאר מיר ניט בלייבען. דער נמשל איז דאָס השי"ת האָט צוגעזאָגט אברהם אבינו ע"ש גאָר די עשירות פון מצרים זאָל איבערגעהן צו די ישראל. ווי עס שטייט, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, און אז קרח האָט איבערגעשלעפּט א גרויסען טייל פון פרעה'ס אוצר פאר זיך, הייסט דאָס ער האָט בא'גזל'ט די ישראל. ווארום ווען ניט ער וואָלט דאָך געהאָט צו זיי אַנגעקומען. דאָס דרשנ'ט דער מדרש וישכון ערים נכחדות דער קרח האָט גירוט און פארטיליגט שטעדט. אין פלוג וואָס האָט מען צו איהם סיי ווי סיי וואָלט דאָך ניט בלייבען ביי פרעה. פונדעסטוועגען זאָגט הקב"ה, בתים לא ישבו למו, ער וועט ניט בלייבען זיצען אין די הייזער. היינו ער וועט איינגעזונקען ווערען מיט דעם אייגענס אשר התעתדו לגלים ווייל דאָס איז געוועזען פון לאנג אַן אַנגעברייט פאר די אידען וואָס זיי האָבען געליטען גלות. און אז ער האָט גע'גנב'עט פון פרעה'ן, הייסט דאָס גע'גנב'עט פון די אידען. — רש"י שרייבט (קרח ט"ז, א'), קרח האָט דארום געקריגט, ווייל מען האָט געמאכט אליצפן בן עוזיאל פאר איין נשיא איבער דער משפחה פון קהת; (דאָס איז געווען על פי הדבור). און קרח האָט געזאָגט: „קהת האָט געהאָט פיער זיהן: עמרם, יצהר, חברון, עוזיאל. עמרם איז דער עלטערער איז

רעכט וואָס זיי האָבען גענומען דאָס שררהשאפט, אהרן איז א כהן גדול און משה איז א מלך, אבער ווער דארף נעהמען דאָס נשיאות, דארף איך נעהמען וואָס איך בין דער זוהן פון יצהר׳ן, דער אַנדערער פון עמרם, און ער איז געגאַנגען און געמאכט דעם זוהן פון עוזיאל פאר א נשיא וואָס עוזיאל, איז דער אינגסטער זוהן״ — דארום האָט קרח געקריגט. קרח איז געווען זעהר געבילדעט, געשטעלט משה׳ן זעהר הויכע פראַגען, וועלכע משה האָט פאר־ענטפערט נאָכ׳ן דין פון תורה. למשל: ער האָט אָנגעטאָן ר״ן סנהדרין (דאָס רוב איז געווען פון שבט ראובן) בטליתים שכלו תכלת און האָט גע־פרעגט: די טליתים וואָס זיינען נאָר פון תכלת דארף מען איין מאַכען איין פאָדים תכלת אָדער ניין? האָט משה געזאָגט אַז יאָ, דכתיב הכנף פתיל תכלת; זאָגט ער ווי קען דאָס זיין אז מה־דאָך א טלית ניט פון תכלת אויב עס געפינט זיך איין איין איהם א פאָדים פון תכלת איז גענוג אַ פשיטה טלית שכלו תכלת, איז דאָך אודאי פטור מן ציציות. (קרח ט״ז, א׳ רש״י). אויך האָט קרח געפרעגט משה׳ן: א הויז וואו עס געפינט זיך איין פול מיט ספרים דארף האָבען א מזוזה צו ניט? זאָגט משה יע, ווארום די תורה זאָגט אונז אזוי וכתבתם על מזוזות ביתך ובשערך״ — האָבען זיי געלאַכט, זיי האָבען געזאָגט איין הויז וואָס איז פול מיט חומשים וואָס אין זיי איז דאָ פיל מאָהל די פרשיות פון מזוזה זאָל מען נאָך איין באזונדערע מזוזה דארפען? — אייגענטליך וואָס פאר אַ שמיכות האָבען דיביידע פראגעס פון טלית שכולה תכלת, מיט בית מלא ספרים? די ערשטע, וואָס דארף פטור זיין פון ציצית. די צווייטע פון מזוזה? ווי עס וויזט אויס האָט ער געמיינט אזוי אז ווי „טלית שכולה תכלת״ דארף פטור זיין פון ציצית, און אזוי ווי א בית מלא ספרים דארף פטור זיין פון מזוזה אזוי איז, אז די „עדה״ זיינען „כלם קדושים״, דארף מען ניט האָבען משה׳ן און אהרן אז זיי זאָלען זיין די ראשי־העם — אַלע זיינען גרויסע לייט און מיט איין וואָרט קרח האָט געוואָלט דערווייזען אז ער איז מעהר געלערענטער פון משה׳ן און ראוי אָפצונעהמען די כהונה גדולה. דער כבוד פון משה מיט אהרן לאָזט איהם ניט שלאָפען: קנאה, שנאה און האָס וואָס ער פילט צו זיי פארפאָלגט איהם; קרח איז רייך, געבילדעט, געלערענט, ווארום זאָל מען איהם ניט מאַכען פאר אַ פיהרער?

נאָך וואָס טויג די גוטע ווייך אין א צובראָכענע פאס? פאר א פאָר־שטעהער פון א פאָלק ישראל מאַכט מען נאָר אזעלכע, וועלכע האָבען אזויפיל ענות ווי משה מיט אהרן, וואָס ווילען גאָרניט אָנעמען אזא התחייבת׳ן פאָסט; אָבער ניט אַזאַ מענשען ווי קרח, וואָס וויל פארכאַפען דעם פאָסט מיט אלע קונצען, דריידלאָך און טריקס און זיך ניט אָפשטעלען פאר קיינע פאַלש־קייטען. אַ מענש מיט א פארדאָרבענעם כאראקטער, וואָס יאָגט נאָך כבוד, ארויסצושטופען דעם צווייטען און פארנעמען זיין אָרט, איז ניט ראוי צו זיין

א פיהרער פון אַ פאָלק. — קרח אָבער האָט געקענט בונטעווען, האָט ער און דתן ואבירם — געצויגען אויף זייער זייט דעם המון־עם און געשאָטען פעך און שוועבעל אויף משה'ן מיט אהרן. דער מדרש באשרייבט איינע פון זיינע פילע העצערישע רעדעס: „אַן אלמנה איינע פון מיינע שכינות מיט איהרע צוויי יתומים האָבען געהאַט א קליינע פעלד און איין אקס מיט איין אייזל, נאָר גלייך ווי זי האָט אָנגעפאנגען צו אַקערען איז געקומען צו איהר משה און אָנגעזאָגט: „דו זאָלסט ניט אַקערען מיט אַן אָקס און אַן אייזל צוזאמען" — עס איז געקומען די צייט פון זייען, זי האָט געהאַט אביסעל געמישטע תבואה צו פארזייען דאַן קומט משה און באלעסטיגט איהר, ער פארזאָגט איהר: „דיין פעלד זאָלסטו ניט זייען מיט אויסגעמישטע קערנער דאָס איז „כלאים". עס איז געקומען שניט צייט, משה קומט ווידער און זאָגט צו דער אומגליקליכער אלמנה „דו מוזט לאָזען פון דיינע תבואה „לקט" „שכחה" און „פאה" פאר די ארימעלייט. און אז זי האָט שוין אויסגעדראָשען דאָס ביסעלע תבואה פארגעסט משה ווידער ניט צו קומען און זאָגט איהר: "דו מוזט געבען: "תרומה", „מעשר ראשון" און „מעשר שני" צו די כהנים און לוים.

זי האָט אלעס אויסגעפאָלגט, אָבער זי זעהט אז מען רייסט פון איהר די הויט, האָט זי דאָס פעלד פארקויפט פאר דאָס געלט געקויפט צוויי שעפ־סעלאך אום זי מיט איהרע אָרימע יתומים זאָלען האָבען קליידער פון זייער וואָל, און געניסען עטוואָס פון זייערע ניי־געבאָרענע שעפסעלאך; זיי האָבען שוין דערלעבט די שמחה. איז מיט אמאָל געקומען אהרן און געזאָגט צו איהר: די קליינע ערשט־געבאָרענע שעפסעלאך מוזטו מיר אָפּגעבען ווייל זיי זיינען „בכורים", און דאָס געהערט צו דעם כהן. זי האָט געמוזט אויספאָלגען. פארביי געגאנגען אביסעל צייט, און עס איז געקומען די צייט פון אָפּשערען די וואָל פון די שעפסען. אהרן קומט און מאָנט ביי דער אומ־גליקליכער די ערשטע וואָל פון די שעפסען „ראשית הגז". זי האָט איהם אָפּגעגעבען. האָט זי געוואָלט פטור ווערען פון בלוט-זייגער און האָט באַ־שלאָסען צו קוילענען די שעפסען און האָבען אמווייניגסטען פלייש צו עסען. זי האָט זיי געקוילעט, נאָר זי איז ניט פטור געוואָרען פון כהן, ער קומט און מאָנט די ארעמס, באַקען און די מאָגענס פון די שעפסען, ווייל די „זרוע, הלחיים, והקיבה" געהערט צום כהן. — האָט זי אין פארצווייפלונג געזאָגט: נאָכדעם ווי איך האָב זיי געקוילעט בין איך אויך ניט געראַטעוועט געוואָ־רען פון זיין האָנט, איך בין דאָס מחרים. און וועל פון זיי קיין הנאה ניט האָבען": דאַן האָט אהרן קאַלט־בלוטיג געזאָגט אז, איהם טוט הנאָה וואָס זי האָט דאָס מחרים געוועזן ווארום עס וועט דאָס בלייבען פאר איהם, ווארום גאָט האָט געזאָגט: „כל חרם בישראל לך יהיה", אז אלעס וואָס ווערט חרם געהערט דאָס צום כהן. אהרן האָט צוגענומען דעם לעצטען ביסען און גע־

לאָזען זיי ווײנענדיג אויף זייער ביטערען מזל. אַט אזוי טוען זיי צו די אומ־גליקליכע און זאָגען אז גאָט האָט דאָס געהייסען.

אָבער מיר דאַרפען ניט פאַרגעסען, אז די אלע מצוות זיינען געגרינדעט אויף הומאַנישע געפיהלען. נאָר קרח מיט זיינע אגיטאַטאָרס שטעלען זיי פאַר פון דער לינקער זייט און קריטיקירען אין דער צייט ווען אידען האָבען נאָך ניט געהאַט קיין פעלדער און עס איז נאָך ניט געווען קיין לקט, שכחה ופאה. — נאָר פּראָטעסטירען געגען געזעץ און געזעצגעבער איז דאָך אודאי א מצוה ביי די ראַדיקאַלען קרח, דתן ואבירם. קרח מיט די מורדים פון שבט לוי און דתן ואבירם פון שבט ראובן האָבען געשריען: „געגוג אייך צו הערשען! — דאָס פאָלק האָט זיך גענומען ארום די געצעלטען פון די מורדים. און עס איז געווען א סכנה, אז דער אויפשטאַנד וועט זיך צופלאַקערען, דאַן האָט משה באַפעלען דאָס פאָלק אָפּצוטרעטען. און זייער סוף איז געווען א פאַסקודנער אזוי ווי דער פסוק זאָגט אונז: „ותפתח הארץ את פיה ותבלע אתם ואת בתיהם ואת כל האדם אשר לקרח כל הרכוש״. (במדבר קרח ט״ז). און די ערד האָט געעפענט איהר מויל און האָט זייערע הייזער איינגעשלונגען אויך אלע מענשען וואָס מיט קרח׳ן און דאָס גאַנצע פאַרמעגען.

* * *

ניט קוקענדיג וואָס די ערד האָט אריינגעשלונגען די קרח׳ס, אָבער אין איטליכען דור שווימען זיי צוריק ארויף ווי בוימעל אויפ׳ן וואסער, און בונ־טעווען דעם המון־עם. פאַראַן אין אונזער דור אויך פילע אַלרייטניקעס און דערצו גרויסע עמי־ערצים... מיינען זיי אז דער גאַנצער אידישער כבוד באַלאַנגט צו זיי, און ווער רעדט נאָך געבילדעטע רייכע אידען מאַנען דאָך ביד חזקה דעם גאַנצען כבוד, ניט קוקענדיג אויף דערויף וואָס זיי האָבען קיין שום אָרגאַניזאַטאָרישען טאַלאַנט ניט. צו מתעסק זיין זיך בצרכי צבור מוז מען זיין צו דערצו געזאָגען און האָבען פּראַקטיקע, אז ניט קען קיין שום מוסד ניט עקזיסטירען. אין אמעריקע זיינען געקומען פון רוסלאַנד אידען ארום פיר מיליאָן, כן ירבו, צווישען זיי זיינען געווען פילע משכילים וועלכע זיינען געווען געזאָגען זיך מתעסק זיין בצרכי צבור; געקומען אין אמעריקע האָבען זיי גלייך מיט׳ן זעלביגען חשק ווי צו פאַרדינען פאַר זייער פאַמיליע אזוי האָבען זיי זיך מיט התלהבות אריינגעוואָרפען זיך בצרכי צבור שלא על מנת לקבל פרס. — געקומען אין אמעריקע, האָט זייער אינערליכער געפיל דיקטירט זיי צו אָרגאַניזירען בתי־מדרש, תלמוד־תורות, ישיבות, מושב־זקנים, בתי יתומים און ז. וו. און אלעס פיהרט זיך פיין. מיט אמאָל לויפען אָן אַלרייטניקעס „בני קרח״, וועלכע ווייסען ניט בין ימינם לשמאלם ווי צו אָרגאַניזירען... און ווילען זיין די פיהרער און די פּרעזידענטען, מאַכען אָן מחלקות... רייסען ארויס די שעהנסטע בלומען מיט די וואָרצלען, וועלכע

די פריהערדיגע אָרגאַניזירטע כוחות האָבען דאָס געפּלאַנצט. דער סוף איז אַז אַלעס וואָס מען האָט געבויט מיט שווייס און בלוט ווערט דאָס צופּירט און די ערד שלינגט דאָס אריין...

8.

אבימלך בן־ירבעל

אבימלך בן־ירבעל (אַ זוהן פון אַ קעבס־ווייב פון שכם) האָט ניט געהאט די עניוות פון זיין פאָטער, וועלכער האָט זיך ענטזאגט צו זיין א קיסר ביי אידען. אבימלך האָט אָנגעשטריינגט אַלע זיינע כחות, נאָכ׳ן פאָטערס טויט, אריינצוכאפּען די ממשלה אין זיינע הענט. ער האָט זיך געווענדעט צו דער גאנצער פאמיליע פון זיין מוטערס ברידער, אַז זיי זאָלען איהם מיטהעלפען, אַזוי ווי זיי זיינען אייגענע מענשען, זאָלען זיי איבעררעדען מיט אַלע איינוואוינער פון שכם, אַז ער זאָל בלייבען ביי זיי דער הערשער אַנשטאָט זיבעציג מאַן, אַלע ירבעל׳ס זיהן. — די זאַך איז געלונגען. אנשי־שכם האָבען מסכים געווען. מיט דער הילף פון זיינע אָנהענגער האָט ער אויסגעהארגעט אַלע זיינע ברידער, אויסער איינעם דעם אינגסטען יותם, וועלכער איז אַנטלאָפען. אנשי שכם האָבען איהם דערקענט פאַר אַ קעניג און יותם האָט זיך דערפון דערוואוסט איז ער ארויף אויפ׳ן שפּיץ באַרג גריזים און פון דאָרטען האָט ער געזאָגט דעם פאָלק אַ פּראַכטפולען משל: — אַמאָל זיינען זיך די בוימער צוזאַמענגעקומען זאָלבען אַ קעניג פאַר זיך, זיי האָבען געזאָגט צום אוילבוים: זיי אונזער קעניג! — האָט דער אוילבוים זיי געענטפערט: זאָל איך אויפגעבען מיין פעטקייט, פאַר וועלכען גאָט און מענשען עהרען מיך, און זאָל געהן וואַנדערען צווישען די וואַלד־בוימער? האָבען די בוימער געזאָגט צום פייגענבוים: געה, ווער דו אונזער קעניג! — דער פייגענבוינם האָט זיי געענטפערט: זאָל איך אויפגעבען מיין זיסקייט און גוטע פּרוכט, אום צו געהן וואַנדערען צווישען די וואַלד־בוימער? האָבען די בוימער געזאָגט צום וויינשטאָק: געה, זיי דו אונזער קעניג! — דער וויינשטאָק אָבער האָט זיי געענטפערט: זאָל איך אויפגעבען מיין טרויבענזאַפט, וואָס איז א פריינד פאַר גאָט און לייט, און געהן וואַנדערען צווישען די וואַלד־בוימער: דאַן האָבען אַלע בוימער געזאָגט צום שטעכיגען דאָרן: געה, ווער דו אונזער קעניג! האָט דער שטעכיגער דאָרן געענטפערט די בוימער: אויב, איהר זאַלבט מיר ווירקליך פאַר אַ קעניג איבער אייך, קומט און באַשיצט זיך אין מיין שאָטען; אויב אָבער ניט—וועט ארויס אַ פייער פון דאָרן און פאַרברענען די צעדערען פון לבנון. יעצט איז אַזוי, דאָס וואָס איהר האָט געזייט, דאָס וועט איהר שניידען. — זיינע רייד זיינען מקוים געוואָרען.

— דריי יאָהר האָט דער גרויזאַמער אבימלך געקעניגט, דערנאָך האָבען די בעלי-שכם אין איהם מורד געווען, ער האָט אָבער זיי מנצח געווען, ער האָט חרוב געמאכט שכם, אויסגעהארגעט די איינוואוינער און טויזענט מענער און פרויען וואָס האָבען זיך באפעסטיגט אין דעם שטאָטישען טורעם, האָט אבימלך אונטערגעצונדען און זיי זיינען אומגעקומען אין פייער. אויך אין שטאָט תבץ האָבען זיך אויך די איינוואוינער באפעסטיגט אין א טורעם, דאָ האָט א פרוי ארונטערגעוואָרפען פון שפיץ, אַ שטיק מיהלשטיין אבימלך'ן אין קאָפּ און האָט איהם צושפּאָלטען דעם שאַרבען. אבימלך האָט באַפעלען זיין וואַפען־טרעגער איהם צום טויטען, כדי מען זאָל ניט זאָגען אַז אַ פרוי האָט איהם געטויט. דער וואַפענטרעגער האָט ערפילט זיין באַפעל און אבימלך איז געשטאָרבען.

ווי עס ווייזט אויס פון דער פּאַסירונג, זיינען די אידישע שבטים געווען פרייע און ניט געגליכען אַ קעניגליכע הערשאפט.

* * *

חז"ל גיבען א באַלייכטונג וועגען יותם'ס משל „הלוך הלכו העצים" דאָס זיינען די אידען, „זית" דאָס איז עתניאל בן קנז, „תאנה" דאָס איז דבורה, „גפן" דאָס איז גדעון, „אטד" דאָס איז אבימלך, אזוי ווי „אטד" איז דאָך „אילן סרק" און דורך מיט דערנער, אזוי איז אבימלך — ער האָט קיינע מעשים טובים ניט געהאָט. (ילקוט ח"ב, רמז ס"ה). אַ גוטער מאַן איז געווען אבימלך מלך פלישתים וואָס האָט געגעבען פיל כבוד צו אברהמן, אזוי ווי עס ווערט באשריבען: „הנה ארצי לפניך", אבער אבימלך בן ירבעל האָט דאָך אויס־געהארגעט זיינע ברידער, האָט געזאָגט גאָט צו אבימלך'ן: רשע! דו האָסט אויסגעהארגעט זיבעציג מאַן אויף איין שטיין, ועסטו אויך ניט שטאַרבען מיט דיין טוידט, „האָט אַ פרוי אַראָפּגעוואָרפען אַ שטיק מיהלשטיין". שלמה האָט געזאָגט: „וגולל אבן אליו תשוב" — „דער וואָס קייקעלט אַ שטיין וועט ער צו איהם צוריקקומען.". (משלי כ"ו, ילקוט שם).

אַז מיר זאָלען זיך גוט צוקוקען צו דער מלחמה פון אבימלך מיט בעלי־שכם קענען מיר משער זיין אז די מעהרהייט איינוואוינער פון שכם זיינען ניט געווען אידען נאָר מבני החוי, און די מאַמע פון אבימלך'ן די קעבס־ווייב אָדער די דינסט פון גדעונ'ן האָט געשטאַממט פון זיי, און מיט זייער הילף האָט זיך איינגעגעבען אבימלך צו קעניגען, ובאמת זיינען נאָך געווען אין די צייטען פון דוד פילע שטעדט צו ציילען די ישראל אויך זיינען זיי געקומען אין די שטעט פון חוי, (שמואל ב', כד', ז') פון די צייטען פון ערבעם'ן דעם ערשטען איז געווען שכם באזעצט מיט אידען ווארום ער האָט איהר געבויט; אזוי ווי עס שטייט מפורש ויבן ירבעם את שכם (מ"א י"ב כ"ה) קענען מיר משער זיין אַז אין די צייטען פון אבימלך'ן האָבען נאָך געלעבט אין שכם דער שטאָם פון חמור אבי החוי נשיא הארץ אין די צייטען פון יעקב, און אויף דערויף איז מרמז דער פסוק: מי אבימלך ומי שמו כי נעבדנו? — אבימלך איז דאָך

גדעונ׳ס זוהן — שטאַמט דאָך פון אידען — און זיינען בני שכם — חוים זיינען מיר, איז דאָך בעסער פאר אונז צו דינען די בני חמור אבי שכם החוי, אַן אלטע פראָמינענטע משפחה פון אַמאָליגע אלטע יאָהרען פון אונזערע ברידער.

9.

שמשון.

אלע פעלקער האָבען זייערע געשיכטליכע העלדען, געראָיען און קעמפער, זייערע העלדען באזונגען אין די „באַלאַדעס״ פון זייער ליטעראטור; און אין דעם טיף פון איטליכען העלד כאַראַקטעריזירט זיך אָפּ דאָס גאנצע פאָלק. ווען די ליטעראטור פון די „אמות העולם״ רעדט וועגען זייערע געראָיען און די מעהרהייט וועגען גייסטליכע פארהייליקען זיי, קיינע חסרונות צייגען זיי נישט ארויס און געפינען ניט ביי זיי, נאָר לויטער מעלות; אלע גייסטליכע זיינען ביי זיי „מלאכים״; אָבער ביי אונז אידען איז דאָס אנדערש, מיר גיבען ארויס אלע אונזערע מעלות און חסרונות פון אונזערע שופטים, מלכים, געראָיען, צדיקים און גאונים. מיר באהאלטען פון דער וועלט קיין זאך ניט. וואָס די גדולי הדור פאַרדינען אין לעבען דאָס שאַצט אָפּ די היסטאָריע און איטליכער באקומט זיין שבח און גנאי.

אונזער הייליגער תנ״ך כאַראַקטעריזירט און באזינגט אונזערע שופטים־העלדען: עתניאל בן־קנז (אחי־כלב הקטן ממנו) אהוד בן־גרא בן־הימיני (איש אטר יד ימינו) שמגר בן ענת, ברק, די נביאה דבורה, גדעון, תולע בן־פואה, יפתח, שמשון, יאיר הגלעדי, עלי, שמואל, אָט די אלע העלדען לייכטען אין אונזער ביבעל ווי בריליאַנטען אין אַ קרוין. איטליכער שופט באזיצט די מעלות און די חסרונות פון דאָס גאנצע אידישע פאָלק פון זיין פעריאָד, מיט אַנאַנדער וואָרט, איטליכער שבט איז דער טיף פון דאָס גאנצעס פאָלק ישראל. איטליכער טיף האָלט איין דעם געראָאיזם, דעם תמצית, עסענץ, עקסטאַז, התלהבות און ברען פון דאָס גאנצע פאָלק. — און ניט נאָר שופטים מיט זייערע מעלות און חסרונות שילדערט אָפּ דער תנ״ך נאָר אפילו „מלכים״ שאָנעוועט ער אויך ניט; שילדערט זיי אָפּ מיט זייערע מעלות און חסרונות, למשל: דוד המלך, נעים זמירות ישראל, וואָס ער שטעלט פאר מיט זיך די נשמה פון די אומה הישראלית, פונדעסטוועגען אָפּשאַצענדיג זיינע מעלות שילדערט אָפּ דער תנ״ך זיינע חסרונות: החטא של בת־שבע. נאָר געוויינטליך זיינע מעלות זיינען אזוי גרויס אז זיי וועגען אראָפּ די חסרונות. דוד המלך איז אזוי ווי די זון, וואָס איהרע פלעקען שטערט ניט איהר ליכטיגקייט, און אזוי ווי די וועלדער, בערג, טאָלען שטערען ניט די קיילעכדיגקייט פון דער ערד, אזוי

זיינען דוד׳ס המלך חסרונות אנטקעגען זיינע מעלות. האָבען קיין ווערט ניט און זיינע חסרונות שאַדען ניט דוד׳ן צו זיין א מלך ביי אידען.

אונזער תורה איז תורת אמת, זי וויזט אויך די מעלות און אזוי אויך די חסרונות פון אונזערע גרויסע פיהרער. אונזער הייליגע תורה, וועלכע האָט אין אונז איינגעפלאַנצט דעם ריינעם גלויבען אין איין בורא, האָט עס פאַראויס געזעהן און געוואָרענט אז אידען זאָלען ניט פאַרגעטערען אונזערע גרויסע. דוד המלך איז געווען טייער און הייליג ביי אונזער פאָלק, אָבער אז ער איז געשטאָרבען זאָגט די גמרא אין שבת (דף ל׳) האָט שלמה המלך געשיקט פרעגען לבית מדרא: „שלח שלמה לבית מדרשא, אבא מת ומוטל בחמא, וכלבים של בית אבא רעבים, מה אעשה, שלחו ליה חתוך נבלה והנח לפני הכלבים, ואביך, הנח עליו ככר וטלטלו״ — דער טאַטע איז געשטאָרבען און ליגט אויף דער זון, אין דעם טאַטענס הינט זיינען הונגעריג, וואָס זאָל איך טאָהן? האָט מען איהם געענטפערט: צושנייד אַ נבלה און לייג פאַר די כלבים, לייג ארויף אויף דיין טאַטען אַ לעבעל ברויט וועסטו איהם שוין קענען מטלטל זיין אום שבת״. — זעהען מיר ארויס פון דער גמרא אז דוד המלכ׳ס קערפער נאָך זיין טויט האָט פאַרלאָרען יעדע הייליגקייט.

משה רבנו איז געווען ביי זיין לעבען גרויס און הייליג ביי זיין נאַציאָן, קוים אָבער האָט ער ווי אלע שטערבליכע מענשען געשלאָסען זיינע אויגען אויף אייביג האָט זיין טויטער קערפער פאַרלאָרען יעדע הייליגקייט. און לויט דעם אידישען דין איז א קליין שטיקעלע ביינדעלע, גרויס ווי א לינדז — עצם כעדשה מטמא במגע ומשא, — דאָס לעבעדיגע אידענטום פאַרגעטערט ניט קיין טויטע — „ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה״. — ביז יעצט וויס ניט קיינער זיין באַערדיגונגס פלאַץ כדי מען זאָל פון איהם ניט מאַכען קיין גאָט. — צווייטענס פאַרענטפערט די גמרא אין (סוטה דף יד׳ הגהות הב״ח) ר׳ חמא בר׳ חנינא ערקלערט דאָס אזוי: דער אויבערשטער האָט געוואוסט אז דער בית־המקדש וועט חרוב ווערען, און אז די אידען וועלען פאַרטריבען ווערען פון זייער לאַנד, האָט ער געוואָלט פאַרמיידען, אז די אידען זאָלען ניט קומען צו משה׳ס קבר און בעטען איהם ער זאָל בעטען רחמים פאר זיי פאר׳ן רבנוש״ע אז דער אומגליק זאָל ניט קומען. דאמאָלסט וואָלט משה מבטל געווען די גזירה, און אָט דערפאר איז משה׳ס קבר פאַרבאָרגען פון דער וועלט.

די אידען האָבען קיין מאָל ניט פאַרהייליגט קיין פערזענליכקייט. משה דער גרעסטער לעהרער פון אידענטהום איז בלויז א מענש און אזעלכען רעספעקטירען מיר איהם, ישעיה, ירמיה און מיכה וכ׳ זיינען אויך געווען גרויסע נביאים און דאָך בלויז מענשען, אָבער ניט אזוי ביי די אומות העולם, אַלע זייערע הייליגע נאָך זייער תורה, זיינען מלאכים. די אומת העולם וויזען נאָך אויף די מעלות פון זייער גייסטליכען אָבער ניט די חסרונות; זייערע גייסטליכע פאַרגיבען אלעמענס זינד, און גיבען ארויס אַ התר צו זינדיגען ווייטער... מעהר פון

אַלע שופטים פאַרכאַפּט דעם אידישען קינד אין חדר דער שופט „שמשון הגבור״,
דער קינד פאַראינטערעסירט זיך מיט זיינע שפּיצלאַך — איבּערצושרעקען די
פּלישתים, זיי זאָלען לאָזען צורוה די בּני ישראל... אין דעם טיפּ „שמשון״
כאַראַקטעריזירט זיך אָפּ דער גרעאַאיזם און פרייהייט־גייסט, קראַפט און מאַכט
פון די אומה הישראלית. ווען דער איד געהט אין קאַמף „בּשם ד׳ פאר זיין
עקזיסטענץ דאַן קען איהם קיין שונא אין דער וועלט ניט בּייקומען, ער שלאָגט
דאַן אויף רעכטס און לינקס און די שונאים פאַלען ווי שטרוי אונטער דעם
שניידער, אָבּער ווען ער קעהרט זיך אָפּ פון גאָט, דאַן ווערט ער שוואַך — פאַר־
בּלאָנדזשעט און טאַפּט אין דער פינסטערניש. אונזער הייליגער תנ״ך דער־
דערצעהלט אונז ווי אזוי דער גרויסער העלד שמשון איז אריינגעפאלען אין
נעץ דורך א פאַרעטערישע פרוי דלילה און בּאצאָהלט מיט׳ן לעבּען: „ויאהב
אשה בנחל שורק ושמה דלילה (שופטים טז׳, ד׳) — האָט זיך שמשון פארליבּט
אין א פרוי אין טאָל שורק, איהר נאָמען איז געווען דלילה. (דער מדרש זאָגט
מען האָט איהר גערופען דלילה איבּער דעם — דלה דלה לנו — זי האָט אויס־
געשעפּט זיינע געדאנקען) זיינען צו איהר געקומען די פירשטען פון פּלישתים
און געזאָגט צו איהר: „רייד איבּער דיין מאַן און געפין אויס אין וואָס איז
זיין גרויסע קראַפט און מיט וואָס וואָלטען מיר איהם געקענט בּייקומען און
בּינדען איהם אום צו פייניגען; מיר וועלען דיר געבּען יעדערער פון אונז
טויזענד מיט הונדערט זילבּער שטיק״. — האָט דלילה געזאָגט צו שמשון: זאָג
מיר, איך בּעט דיר, אין וואָס איז דיין גרויסע קראפט, און מיט וואָס קענסטו זיין
געבּונדען אום דו זאָלסט שוואַך ווערען? — האָט שמשון צו איהר געזאָגט: „אז
מ׳זאָל מיר בּינדען מיט זיבּען פרישע שטריק, וואָס זיינען נאָך ניט טרוקען, וועל
איך שוואַך ווערען און זיין ווי אַן איינפאכער מענש״ — האָט זי איהם מיט זיי
געבּונדען. זי האָט געזאָגט: „פּלישתים בּאַפאַלען דיר, שמשון!״ האָט ער אי־
בּערגעריסען די שטריק ווי עס צורייסט זיך א פלאַקס פאָדים ווען ער פילט
פייער; ניט אָנגעשטריינגט זיין קראַפט. — דאַן האָט דלילה געזאָגט צו שמשון:
דו האָסט דאָך פון מיר שפּאַס געמאַכט און געזאָגט מיר א ליגען, זאָג מיר יעצט
מיט וואָס קען מען דיר בּינדען? — האָט ער צו איהר געזאָגט: „אז מ׳זאָל מיר
גוט בּינדען מיט נייע געפלאָכטענע שטריק, מיט וועלכע מ׳האָט קיין ארבּייט
געטאָן, וועל איך שוואַך ווערען ווי אַן איינפאכער מענש. דאַן האָט דלילה אזוי
געטאָן, זי האָט איהם געבּונדען און געזאָגט: „פּלישתים עליך שמשון, זיי בּאַ־
פאַלען דיר, שמשון!״ האָט ער זיי אָפּגעריסען פון זיינע ארעמס ווי א פאָדים.
דאַן איז דלילה צוגעשטאַנען צו איהם און געמאָנט פון איהם אויסצוזאָגען זיין
סוד, סעקרעט, האָט ער געזאָגט צו איהר אויב מען וועט אריינוועבּען זיינע
זיבּען פעכיקע געפלאָכטענע לאָקען אין אַ וועבּ־מאַשין דאן ווערט ער שוואַך. —
זי האָט אזוי געטאָן און געזאָגט: „פּלישתים בּאַפאַלען דיר, שמשון!״— האָט
ער זיך פון שלאָף א כאַפּ געטאָהן און ארויסגעריסען די וועבּ־מאַשין מיט די

טשוועקעס. דאַן האָט זי צו איהם געזאָגט: „ווי קענסטו זאָגען איך ליעב דיר אז דיין הארץ געהערט גאָר צו מיר ניט?! שוין דריי מאָל אז דו שפּאַסט פון מיר און האָסט מיר ניט געזאָגט וואס איז די אורזאַך פון דיין גרויסער קראַפט״. זי האָט איהם אזוי דערעסען מיט איהרע שטענדיגע פּאָרווירפע, אזוי ענג געמאַכט אַז ער האָט זיך דעם טויט געוואונשען; און ער האָט פאר איהר אויסגערעדט זיין האַרץ; ער האָט איהר געזאָגט: „קיין שעהר־מעסער איז אויף מיין קאָפּ ניט געקומען, אָפּגעזונדערט צו גאָט זייט מיין מוטער האָט מיר געבוירען, נאָר אויב איך זאָל זיך לאָזען אָפּראַזירען, וועט אויפהערען מיין קראַפט, איך וועל דאַן שוואַך ווערען ווי איין איינפאַכער מענש״.

יעצט האָט זיך דלילה איבערגעצייגט אז ער האָט איהר די וואָרהייט געזאָגט, ווארום ער האָט דערמאָנט גאָטס נאָמען, האָט זי געהייסען ברייננגען דאָס געלט. זי האָט איהם איינגעשלעפערט אויף איהרע קניע, נאָכהער האָט זי געשיקט רופען אַ מאַן און מ׳האָט אָפּגעשוירען זיינע זיבען לאָקען, גלייך האָט ער אָנגעפאנגען ווערען קראַפטלאָז ביז זיין קראַפט איז אינגאַנצען אוועק פון איהם. די פלישתים זיינען איהם באַפאַלען, אויסגעשטאָכען זיינע אויגען און אוועקגעפיהרט איהם אין עזה; דאָרטען האָט מען איהם געשמידט אין קייטען און ער האָט געמאָלען אין געפענגניש.

* * *

שמשון שטעלט פאר מיט זיך אַ טיפּ פון אונזער אידישען פאָלק ווען דער איד „שמשון״ טראָגט זיינע נזירות, געהט בדרך הישר אויפ׳ן שביל־הזהב וואס איז אָנגעצייכענט פאר איהם דאַן באזיגט ער דעם שונא און אז ניט ווערט דאָס פאָלק פארלאָרען. ווען דער איד ווארפט אראָפּ זיינע נזירות פון גאָט, ער קען ניט צוימען זיינע ווילדע אינסטינקטען, רייבט זיך די פלייצעס מיט די גוים, גויעס, דלילות, אסימילירט זיך, דאַן ווערט ער בלינד, און דער נאָך מיט זיינע בלינדע אויגען טאַפּט ער אַן דעם אמת, און קעהרט זיך אום צו גאָט. — אסימילאַציאָן איז פּאַיזאָן פאר אונזער פאָלק. דאָס אידישע פאָלק מוז פארבלייבען א שמשון (שמש) מיט אייביגע נזירות. געהן בדרך הישר, זיך ניט אָפּצוקעהרען פון שביל הזהב, געהן נאָכ׳ן באַפעל פון אונזער תורה, וועלען מיר דאַן זיין כסלע איתן, בלב־ימים — ווי אַ סקאַלאַ אין מיט׳ן ים וואָס קיינע שטורמס קענען איהר ניט רירען פון אָרט און מיר וועלען דאַן עקזיסטירען אויף אייביג, אייביג.

10.

אבשלום.

אבשלום איז דער דריטער זוהן פון דוד המלך פון מעכא בת תלמי מלך גשור, געבוירען געווארען אין חברון אין אנפאנג מלוכת דוד (ש״ב ג׳ ג׳, דה״יא ג׳ב׳) אבשלום איז געווען העלדיש, געשיקט און שעהן, מיט לאנגע געדיכטע לאקען, געווען עגאאיסטיש געשטימט און קיינמאל ניט פארגעבען דעם צווייטען אן עולה אנטקעגען זיך. איינמאל האט אמנון בן־דוד גראב באליידיגט זיין שטיף־שוועסטער, די שעהנע תמר, האט זי זיך באקלאגט פאר איהר ברודער אבשלומ׳ן און יענער האט באשלאסען נעהמען ראכע פון אמנון. ווען עס איז געקומען די צייט צו שערען די שאף האט ער פאררופען אלע זיינע ברידער און אין דער צייט פון דער סעודה האט ער באפעלען זיינע דינער צו דערהארגענען אמנונ׳ן. דער באפעל איז דורכגעפירט געווארען. ער האט געפירכטעט פאר׳ן כעס פון זיין פאטער איז ער אנטלאפען צום פאטער פון זיין מוטער צום מלך גשור. אבשלום האט פארבראכט דארט דריי יאהר. (שב׳ י״ג). — דער קעניג דוד האט אבער געבענקט נאך אבשלומ׳ן, דען ער האט זיך געטרייסט וועגען אמנון; ווייל ער איז טוידט. יואב דער זוהן פון צרויה האט געוואוסט אז דאס הארץ פון דעם קעניג איז געצויגט צו אבשלומ׳ן, האט ער דורך דער קלוגער פרוי פון תקועית געפועלט ביי דוד׳ן אז אבשלום זאל קומען צוריק אהיים אין ירושלים. אבשלום איז געקומען פון זיין גלות קיין ירושלים נאר דוד האט פארבאטען אבשלומ׳ן זיך זעהן מיט איהם. אבשלום האט ניט געזעהן זיין פאטער צוויי יאהר. דאן האט אבשלום געוואלט זיך זעהן מיט׳ן פאטער און זיין נעהענטער צו איהם, האט ער אפגעטאן א שפיצעל, אבשלום האט געשיקט נאך יואב איהם צו שיקען צו דעם קעניג און ער האט ניט געוואלט צו איהם קומען, און ער האט נאך אמאל געשיקט צו איהם, אבער ער האט ניט געוואלט קומען. דאן האט ער געהייסען אונטערצינדען יואב׳ס פעלד. דאן איז ער געקומען און אויסגעפילט זיין ביטע דורכצוריידען מיט׳ן פאטער ער זאל איהם מוחל זיין. דוד האט דאן געמאכט שלום מיט אבשלומ׳ן.

מען קען ניט וויסען ווען עס איז געבוירען געווארען די מחשבה פון רעוואלט אין הארץ פון אבשלומ׳ן, פריהער איידער ער האט דערהארגעט אמנון אדער אין דער צייט פון זיין גלות וואנדערען אין גשור, אדער נאך זיין קומען קיין ירושלים ווען דער פאטער האט איהם ניט געוואלט אנקוקען. פריהער האט ער געוואלט דער פאטער זאל איהם פארגיבען ווארום דאן וועט זיין גרינג אויספילען זיין געדאנק, און ווען איהם האט זיך איינגעגעבען שליסען שלום מיט

זיין פאָטער האָט ער דאָן גענומען ערלויבעניש געהן אין חברון צו מקריב זיין קרבנות. מיט אבשלום׳ן זיינען מיטגעגאנגען 200 מאַן, וועלכע זיינען געווען מיט איהם אין איין עצה; אויך אויף זיין זייט געווען דער קלוגער דוד׳ס ראַטגעבער אחיתופל; אין חברון האָט אבשלום פאַנאַנדערגענומען זיינע הענט, פאַנאַנדער־געשיקט מרגלים און אָנגעהויבען צוצוציהען גרויסע מחנות אידען און די מרידה האָט זיך צופלאַקערט... דוד איז געווען ערשטוינט פון דעם אויפ־שטאַנד פון זיין זוהן, דוד האָט מורא געהאט אבשלום זאָל ניט אריינדרינגען קיין ירושלים און חרוב מאַכען אלעס. האָט ער מיט זיין הויזגעזונד, באַגלייט פון א קעניגליכער מחנה פון זעקס הונדערט קריגסלייט, פאַרלאָזען ירושלים. דעם כהן גדול אביתר׳ן און צדוק האָט ער געהייסען פאַרבלייבען אין ירושלים און אויך חושי זאָל פאַרבלייבען אין ירושלים און צושטערען די עצות פון אחיתופל׳ן און וואָס חושי וועט זיך דערוויסען זאָל ער איבערגעבען צו די כהנים צדוק און אביתר און זיי וועלען דורך שלוחים איהם מודיע זיין. נאָך דוד׳ס אָפּטרעטען האָט זיך אבשלום אריינגעצויגען קיין ירושלים זיך געקרוינט פאַר א קיסר. אחיתופל דער קלוגער האָט איהם געגעבען אַן עצה תיכף ומיד זאָל ער זעהן נאָך יאָגען דוד׳ן און צושלאָגען איהם, איידער ער וועט זיך צו־גרייטען צו א מלחמה. דאָס איז געווען די ריכטיגע עצה. נאָר דאָ קומט חושי וועלכער האָט זיך ערקלערט פאַר אַ פריינט פון אבשלום׳ן און האָט צושטערט די עצה פון אחיתופל׳ן, ער האָט געזאָגט אז אבשלום׳ס פאָטער מיט זיינע מענ־שען זיינען פאַרביטערט און זיי וועלען מלחמה האלטען ווי די לייבען... בעסער צונויפזאמלען דאָס גאנצע פאָלק און דערנאָך וועט מען אָנפאַלען אויף זיי און פאַרניכטען.. חושי האָט דאָס געזאָגט ווייל ער האָט געוואָלט געבען א געלע־גענהייט דוד׳ן זיך צוצוגרייטען צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד. די עצה פון חושי איז אָנגענומען געוואָרען און אחיתופל׳ס עצה איז דורכגעפאלען. אחי־תופל דער קלוגער, האָט פארשטאַנען אז מיט אַזאַ גאַנג וועט אבשלום פאַר־שפּילען, איז ער אַוועק אהיים און גענומען זיך דעם לעבען. דוד׳ן האָט מען אלעס איבערגעגעבען וואָס דאָ קומט פאָר, איז דאָן דוד אריבער דעם ירדן קיין מחנים, אויסגעשפּילט צייט און זיך צוגעגרייט צום שלאַכט מיט די מורדים. אבשלום האָט צונויפגעזאמעלט א גרויסען חיל און איז אויך אריבער דעם ירדן. אבשלום׳ס חיל איז די מעהרהייט באַשטאַנען פון באַנדעס ניט דיס־ציפּלינירט ווען דוד׳ס ערפאַהרענע קריגספיהרער האָבען געפיהרט דעם קאַמף פאַרזיכטיג און קלוג. דער חיל פון דוד׳ן אונטער דער פירערשאַפט פון יואבן האָט באַזיגט אבשלום׳ס מחנות. אבשלום, רייטענדיג אויף זיין אייזעל איז אַנטלאָפען אין געדיכטען וואַלד, ער האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט זיינע האָר אָן די צווייגען, דער אייזעל איז פון הינטער איהם אוועקגעלאָפען ווייטער, איז ער געבליבען הייגען אין דער לופטען. יואב האָט איהם אויסגעפונען און האָט אריינגעשאָסען דריי פיילען אין דעם הייגענדיגען אבשלום׳ן. דעם קערפּער פון

דעם גע'הרג'טען האָט מען אַרונטערגענומען פון בוים און אריינגעוואָרפען אין אַ גרוב, וועלכע מען האָט פאַרוואָרפען מיט שטיינער. דוד איז געבליבען קיסר ווי געווען. נאָר זיין צער איבער זיין זוהן איז געווען אָן אַ ברעג.

* * *

חז״ל האָבען באַשולדיגט דוד'ן אַז ער האָט ניט געשטראָפט אבשלום'ן זיין זוהן פאַר דערפאַר איז ער ארויס לתרבות רעה און געוואָלט דערהאַרגענען זיין פאָטער און האָט גורם געווען עס זאָל פאַלען אין מלחמה טויזענדער אידען (שמות רבה פ״א א'). אבשלום רעכענט זיך אַזוי ווי דער שלאַנג, קין, קרח וכ' וואָס זיי האָבען געוואָלט האָט מען זיי ניט געגעבען און וואָס זיי האָבען געהאַט האָט מען ביי זיי אוועקגענומען. (ב״ר פ״כ י״א). זיינע קינדער אבשלום'ס זיינען געשטאָרבען ביי זיין לעבען און ער האָט ניט געהאַט אַן אָנשטענדיגען זוהן למלכות; און פאַר דערפאַר איז ער באַשטראָפט געוואָרען ווייל ער האָט פאַרברענט יואב'ס פעלד „וגמירי כל השורף תבואתו של חבירו אינו מניח בן ליורשו״ (סוטה י״א) — מי רהאָבען בקבלה ווער עס פאַרברענט די תבואה פון זיין חבר, לאָזט ניט איבער אַ זוהן איהם צו יאַרשענען. — אבשלום איז אָפּגעצאָהלט געוואָרען מדה כנגד מדה, ער האָט זיך גרויסגעהאַלטען מיט זיינע לאָקענס, איז ער אויפגעהאַנגען געוואָרען פאַר זיינע לאָקענס. — און ווייל ער איז געקומען צו די צעהן קעפּס־ווייבער פון זיין פאָטער, דערפאַר האָט מען אין איהם אַריינגעשאָסען צעהן לונביות (די צעהן באַיעס יואב'ס וואָס האָבען איהם געשלאָגען) און ווייל ער האָט גע'גנב'עט—אָפּגענאַרט דריי הערצער: די האַרץ פון זיין פאָטער, די האַרץ פון בי״ד און די האַרץ פון די אידען, דערפאַר האָט מען איהם אַריינגערוקט ג' ריטער (סוטה ט') ווארום האָט דוד געטרויערט וועגען אבשלום'ן און גערופען „מיין זוהן״ אַכט מאָל, זיבען מאָל איהם אויפצוברייגנען פון שבעה מדורי גיהנום און דעם אַכטען מאָל איהם ברייגנען צום עולם־הבא. (סוטה י״א).

11.

ירבעם בן־נבט.

ישעיהו האָט געזאָגט „מהרסיך ומחריביך ממך יצאו״ — דיינע צושטערער און דיינע פאַרוויסטער וועלען פון די אַרויסגעהן. (ישעיהו מ״ט). — עס כאַפּט זיך ארויס אָפטמאָל אַ מענש פון אידישען פאָלק, וואָס מיט זיינע מעשים פאַרשאַפט ער פיעל צרות און שמערצען און רואינירט דעם גאַנצען לעבען פון כלל ישראל. צו אַזאַ חיה בזויה געהערט „ירבעם בן־נבט״, וועלכער האָט

געמעגט אויסגערונען ווערען אין זיין מוטערס בויך. — מיר ווילען ארומ־ריידען וועגען איהם באריכות. „ירבעם" האָט ער געהייסען — שרבע עם — ער האָט דאָס פאָלק געבראַכט צו דער נידעריגסטער מדרגה; ירבעם—שעשה מריבה בעם (סנהדרין ק"א) ער הייסט ירבעם דערפאר ווייל ער האָט גע־שאַפען האַס און קריעג צווישען פאָלק.

ירבעם בן־נבט איז געווען א העלדישער מענש, אז דער גרויסער חכם שלמה האָט איהם אַנערקענט פאר א פעהיגען מאַן, אזוי ווי אין מלכים ווערט געזאָגט: „והאיש ירבעם גבור חיל וירא שלמה את־הנער כי־עשה מלאכה הוא ויפקד אותו לכל סבל בית־יוסף (מלכים א' יא") — דער ירבעם איז ווירקליך א העלדישער מאן געווען, האָט שלמה באמערקט דעם יונגען ארביי־טער זעהר אַ פלייסיגען האָט ער איהם אַנגעשטעלט איבער אלע ארבייטער פון יוסף'ס הויז. (מלכים א' יא').

צו דערצו איז ער געווען פון די גאנץ גרויסע תלמידי חכמים „והוא מתכסה בשמלה חדשה (מ"א, י"א) — „מאי בשמלה חדשה"? — א"ר נחמן מה שמלה חדשה אין בה שום דופי, אף תורתו של ירבעם אין בה שום דופי", „ד"א שמלה חדשה שחדש דברים שלא שמעה אזן מעולם" (סנה' ק"ב) — ווי א נייער בגד האָט אין זיך ניט קיין פלעק, אזוי איז ירבעם'ס תורה לערנען ניט געווען קיין שום לעסטערונג; און אויך האָט ער מחדש געווען אין דער תורה אַזעלכע זאכען וואָס קיינער האָט עס פריהער ניט געהערט, (סנה ק'ב); מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען אַ מענש א העלד און געבילדעט. אין די אויגען פון דאָס פאָלק ישראל האָט זיך געוואָרפען נאָר זיינע מעלות, אבער ניט זיינע חסרונות. זיין ווייטער בליק פון זיינע עגאָאיסטישע צילען האָט דאָס קיינער פריהער ניט געקענט באמערקען. ער האָט זיך פאר קיינע פאלשקייטען און אפערעס זיך ניט אָפגעשטעלט, נאָר צו דערגרייכען זיין ציעל אזוי ווי עס האָט זיך שפעטער ארויסגעוויזען. ער האָט פאר'סמ'ט די מחות פון פאָלק צוליב זיינע צוועקען און פלענער. — פון אָנפאַנג האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט דעם וואָס אין דער צייט ווען דאָס פאָלק איז אָפגעגאנגען מיט בלוט, האָט ער זיך אָנגענומען איהר קריוודע. דאָס פאָלק האָט ניט געקענט אריבערטראָגען די שווערע טעקסעס וואָס שלמה המלך האָט אויף זיי ארויפגעצוואונגען צום סוף פון זיין קעניגרייך ווי עס שטעהט: „ויהי לחם שלמה ליום אחד שלשים כר סולת, וששים כר קמח, עשרה בקר מריאים, ועשרים בקר רעי, ומאה צאן, לבד מאיל וצבי ויחמור וברבורים אבוסים"—דער פארצעהרען פון שפייז אין איין טאָג איז געווען ביי שלמה'ן: 30 כר פיינמעהל און 60 כר געוועהנליכע מעהל. צעהן געמאסטעטע רינדער, צוואנציג ווידע רינדער און הונדערט שעפסען; אויסער רעהען, הירשען, מאַשוס־טהיערן און געשטאָפטע ענדיקעס. (מלכים א' ה—) — און אויפצועסען אזוי פיל ברויט און פלייש אין קייזער־ליכען הויף דאַרף מען האָבען נאָך פיל ווייַן און פריפּראַווע. אזויפיל אויסגאַבען

איז געפאלען שווער אויף דאס פאלק. און נאך מעהר, נאך די רייד פון חז״ל וואס זיי האבען געזאגט: (ב״מ, פו׳) „א״ר יצחק אלף נשים היה לשלמה, וכל אחת ואחת עשתה לו בביתה כך, מאי טעמא זו סבורה שמא אצלה סועד היום, וזו סבורה שמא אצלה סועד היום״, און פון דערפון קענען מיר זעהן און משער זיין ווי ווייט האט דער מלך געשטיקט דאס פאלק מיט זיינע טעקסעס, כדי צוזושטעלען די גאנצע הוצאה צום קייזערליכען הויף — און ווי ווייט דאס פאלק האט רעוואלטירט און געקרעכצט אונטער דער שווערע האנט פון קיסר. און נאך מעהר איז געווארען די טעקסעס שווערער, זינט ער האט חתונה געהאט מיט פרעה׳ס טאכטער — די טאכטער פון גרויסען מלך, וועל־כע האט ליב געהאט צו לעבען א גוטען טאג — איבערגעבען זיך צו לוקסוס, וואקכאנאליע און לייכטזיניגען לעבען. דער מלך שלמה האט געבויט פאר איהר פאלאצען און אלעס וואס זי האט געבעטען האט ער איהר געגעבען. — זי האט ניט געקארגט מיט איהר בעטען אזוי איז זי געוואוינט געווען ביי איהר טאטען. ווען זי וואלט זיין א קווין אין מצרים וואלט זי אויך ניט געשאנעוועט איהר פאלק, ווייל דאס פאלק ביי דער קייזערליכער פאמיליע איז באטראכט געווארען ווי א קוואל פון הכנסה צו לעבען אויף זיין חשבון א גוטען טאג. היינט א פשיטה ווער קען פון דער בת־פרעה מאנען אז זי זאל פיהלען די וועהטאגען פון דאס אידישע פאלק„ וואס זיין גאט איז ניט איהר גאט, זיין תורה איז ניט איהר תורה, זי איז ניט אביין פון דאס אידישע פאלקס ביינער און פלייש פון זיין פלייש. און דאס פאלק האט שטיל געטראגען דעם שווערען יאך, ווארום ווער קען עפענען דאס מויל אנטקעגען דעם גרויסען הערשער שלמה המלך, וועלכער איז דער קלוגסטער, געבילדסטער מאן פון אלע מענשען אויף דער וועלט. דאס פאלק האט געקרעכצט אונטער דער לאסט פון די שטענדיגע טעקסעס.

אבער דאך האט געפלאנצט דאס געדולד: מיט אמאל איז ארויסגעשפרונגען דער העלד ירבעם בן־נבט און מיט פייערדיגע רייד האט ער געשטראפט דעם קיסר אין בית־המקדש לפני קהל ועדה, זיין ווארט איז געווען גליהענדיג . . . ער האט איהם מיט זיינע רייד געפאטשט ווי מיט א בייטש, ירבעם האט איהם געזאגט: „דוד אביך פרץ פרצות בחומה כדי שיעלו ישראל לרגל, ואתה גדרת אותם כדי לעשות אנגריא (שווערע ארבייט) לבת פרעה (סנהדרין שם ק״א)— דיין טאטע דוד האט געבראכען דעם מויער, דאס מיינט ברייטער געמאכט די וועגען, כדי מאכען מעהר ארט דאס פאלק זאל קומען עולי־רגל זיין, און דו האסט דאס פארצאמט כדי דאס פאלק ישראל זאל ארבייטען שווער און ביטער און אפצאהלען פרעזענטען ביים ארייגאנג צו דער טאכטער פון פרעה. (זי פלעגט זיצען אין טויער פון שטאדט, און אלע פלעגען מוזען דורכגעהן דעם טויער, קיין אנדער ארט איז ניט געווען דורכצוגעהן). (סוטה י׳). ירבעם בן־נבט האט אין זיין רעדע אויסגערעכענט אלע מעשים־תעתועים פון שלמה׳ן

און אָפּגעשילדערט זיין לייכטזיניגקייט צו וועלכע ער האָט זיך די לעצטע צייט פון זיין לעבן אָפּגעגעבן, שניידט די הויט פון זיין פאָלק כדי צו מאַכען פּאַלאַצען פאַר הולטייקעס, און דעם וועהטאָג פון זיין פאָלק פילט ער ניט, און אינטערעסירט זיך ניט מיט זייער אומגליק... דאָס אלעס איז געזאָגט געוואָרען אונערוואַרטעט און האָט צוטומעלט דעם קיסר, ווי אַ דונער האָבען ירבעמ׳ס ווערטער געטראָפען דעם מלך און א פינסטערע חרטה האָט געגאָגט זיין הארץ. — דער מלך שלמה האָט זיך דערשראָקען פאַר אַ רעוואָלט, און האָט געוואָלט ירבעם בן־נבט טויטען, אָבער ירבעם איז אנטלאָפען אין מצרים, צו שישק, קעניג פון מצרים.

דאָס פאָלק איז געווען איבעראשט פון אַזאַ אָנפאַל — פון ירבעמ׳ס מסירת־נפש פאַר זיין פאָלק, מען האָט אָנגעהויבען קוקען אויף איהם ווי אויף אַ גואל ישראל, עפּעס אַ קליינינקייט, ארויסטרעטען מיט מוסר אַנטקעגען שלמה המלך פאַר וועלכען עס קניען זיך די גרעסטע מענשען פון דער וועלט! דאָס זיינען געווען די ערשטע פונקען, וואָס זיינען דערנאָך צובלאָזען געוואָרען אין אַ העליש פייער. — פון דאמאָלסט אָן האָט אָנגעהויבען ירבעמ׳ס שטערען צו שיינען און מיט זיין מסירת־נפש האָט ער געלעגט א פונדאַמענט צום אָנפאַנג פון זיין מלוכה. — דאָס פאָלק האָט געוואַרט אויף אַ גוטען מאָמענט און געהאָפט אז עס וועט קומען די צייט און דורך איהם וועלען זיי אלעס דערגרייכען.

ירבעם בן־נבט האָט פאַרשטאַנען אז דאָס שפּיצעל וואָס ער האָט אָפּגעטאָן האָט איהם גרויס געמאַכט אין די אויגען פון פאָלק און געפילט אז ער האָט געוואונען זייער צוטרוי און הארץ.

אין פילע שבטים האָבען דערוואַרט די צייט און נאָך שלמה׳ס טויט האָט מען איהם געשיקט רופען פון מצרים און אַ דעלעגאַציע־פאַרשטעהער אָן דער שפּיץ פון ירבעם בן־נבט, האָבען זיך געווענדעט צו רחבעמ׳ן בן־שלמה, מאָהנען זייערע רעכט. געזאָגט איהם קורץ און שאַרף: אביך הקשה את־עלנו ואתה עתה הקל מעבדת אביך הקשה ומעלו הכבד אשר נתן עלינו ונעבדך״. (מלכים א׳ יב׳). — „דיין פאָטער האָט אַרויפגעלייגט אויף אונז א שווערע לאַסט; פאַרלייכטער אונז די דאָזיגע לאַסט און דעמאָלסט וועלען מיר דיר דינען״.

דער שטאָלצער רחבעם האָט זיך געפילט באַליידיגט פון דער דאָזיגער פאָדערונג, נאָר ער האָט זיי צוגעזאָגט אין דריי טעג ארום צו געבען ענטפער. ער האָט זיך מישב געווען מיט די יועצים־זקנים און זיי האָבען פאַרגעלייגט רחבעמ׳ן ער זאָל נאָכגעבען און זאָל באַוויליגען דעם פאָלק די פאַרלייכטערונג וואָס ער פאָדערט. אָבער די אינגערע הויפלייט האָבען איהם אָן עצה געגעבען ער זאָל אָפּזאָגען דעם פאָלק אין אַלץ. רחבעם האָט אָנגענומען די עצה פון די יונגע און געענטפערט אויף דעם דריטען טאָג די פאָלגענדע גרויזאמע

ווערטער: „מיין פאָטער האָט ארויפגעלייגט אויף אייך א שווערע לאַסט, און איך וועל נאָך פארגרעסערען די דאָזיגע לאַסט; מיין פאָטער פלעגט אייך שטראָפען מיט בייטשען, און איך וועל אייך שטראָפען מיט עקדישען" (ביי־טשען מיט העקלעך אויפ'ן עק). (מלכים א׳ יב׳). נאָך דעם ענטפער אין וועל־כען עס קלינגט אָפּ דער ווידערקול פון אַפּלאַכען דעם אָרימאַן האָט שטאַרק אויפגעבראכט די בני אפרים און זיי האָבען אויסגערופען: „מה־לנו חלק בדוד ולא־נחלה בבן־ישי לאהליך ישראל עתה ראה ביתך דוד!" (מלכים א׳ יב׳).
— דאָס מיינט מיט זייער קורצען ענטפער, אז רחבעם מאַכט אַ טעות, ער מיינט אַז דאָס פאָלק איז פאר'ן מלך, אבער ניט דער מלך פאר'ן פאָלק איבער דעם מיינט דער מלך אז מיט זיין ווילען מאַכט ער לעבען און מיט זיין ווילען מאַכט ער טויטען; מיט זיין ווילען מאַכט ער שווער זיין יאָך און מיט זיין ווילען מאַכט ער גרינג, אָבער מיט אן אמת איז ניט אזוי; דאָס פאָלק מאַכט אויף זיך א קיסר, און דאָס פאָלק איז דער בעל־הבית איבער איהם. דאָס פאָלק גיט איהם גליק און רייכטום און האָבען אין איהם א טייל, אָבער דער מלך האָט אין זיי קיין שום טייל ניט. ער, דער מלך דאַרף זיך קימערען וועגען זיי, און זיין דאָס פאָלק גינציג ווי אַ פאָטער אַ קינד, אָבער ניט שניידען פון זיי די הויט. — און נאָכדעם אַז ער האָט זיי געענטפערט זיין ענטפער, אז ער וועט זיי שטראָפען מיט בייטשען און דריקען זיי נאָך מעהרער, זעהט עס אויס פון זיינע רייד אַז ער מיינט רחבעם אַז ער האָט אַ טייל אין זיי, און זיי האָבען אין איהם ניט קיין טייל, האָבען זיי איהם געענטפערט: „וואָס איז צווישען אונז און דעם הויז פון דוד'ן ? צוגעהט זיך איבער אייערע געצעהלטען, אידען!"
— און מיר וועלען זעהען ווער האָט אין וועמען אַ טייל און ווער איז מעהר אָפּהענגיג פון דעם צווייטען — צו דער קיסר אין דאָס פאָלק און ניט דאָס פאָלק אין מלך, אָדער פאַרקעהרט...?

ווי מיר זעהען איז די מיינונג פון די מאָנאַרכען פון אלע פעלקער געווען אזוי ווי די מיינונג פון רחבעם'ן. דער קיסר, דער בלוטיגער יאָאַן גראָזני פון רוסלאַנד האָט זיך אויסגעדריקט בזה הלשון: „מיר, קיסרים, זיינען גע־זאַלבטע פון גאָט, און וואָס מיר ווילען טוען מיר מיט אונזערע אונטערטאַנען"... אַ משוגענע פּסיכאָלאָגיע!...

ירבעם בן־נבט האָט זיך געשטעלט בראש המורדים אויסצופיהרען זיין באַהאַלטענע כונה, דער אויפשטאַנד האָט זיך צופלאַקערט, רחבעם האָט ארויס־געשיקט צום פאָלק אַדרמון — זיין הויפּט־אויפזעהער איבער די צינזען, ער זאָל בארוהיגען די אונצופרידענע, אָבער דאָס פאָלק האָט פארשטיינערט דעם פאַרהאַסטען שטייער־זאַמלער. רחבעם אליין האָט זיך קוים געראַטעוועט. ער איז אריינגעשפרונגען אין זיין רייט־וואַגען און איז אַנטלאָפען קיין ירושלים.

און די עשרת השבטים האָבען אויסגעקליבען ירבעם'ן פאַר אַ קעניג און ער איז געבליבען קעניג אויף בית־יהודא און שבט בנימין.

* * *

נו, איז דאָך גוט, דאָס פאָלק האָט דאָך אויסגעקליבען ירבעם בן־נבט, וועלכער איז זייער ליבלינג, וועלכער האָט זיך מוסר־נפש געווען פאר זיי אָננעמענדיג זיך פאר זייער קריוודע; אָבער פאַרט ניט גוט, ווארום עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז אלעס, אלעס וואס ער האָט געפלאָכטען און געטאָן פאר זיי איז נאָר געווען צוליב דעם, כדי זיי זאָלען איהם מאכען פאר א קעניג, ער זאָל האָבען איבער זיי אן אויבערהאַנט, אַ קראַפט און מאַכט און טאָהן וואס איהם געפעלט. — ווען ירבעם בן־נבט וואָלט ניט שטרעבען צו זיין א מלך נאָר שטעהן אָן אַ זייט, זעהן מאַכען אַ פשרה און שלום צווישען פאָלק און ניט העצען אַ ברודער אנטקעגען א ברודער, נאָר שלום זוכען, ווארום דאָס וואָלט זיך אויף געוויס איינגעגעבען, ווארום מען האָט זיך שוין גוט פאַרשטאַ־נען. — דער מלך האָט ארויסגעזעהן צום סוף אז ער מוז טרייען פאר דאָס פאָלק און ניט נאָר רייסען טעקסעס. און דאָס פאָלק האָט געוואוסט אז די הוצאות המלך מיט אַ מאָס מוז ער צושטעלען. — זיי האָבען זיך פארשטאַנען. דעם קיסר געגעבען אַ גוטען לעסאָן און געגוג. און אלע שבטים וואָלטען זיין פעסט צונויפגעבונדען איניינעם. און דאָן וואָלט זיין דאָס אידישע פאָלק כסלע איתן בלב ימים — ווי אַ סקאַלאַ אין מיטען ים, וואָס קיינע כוואַליעס און שטורעמס קענען ניט באַוועגען און ריהרען פון אָרט. ווען ירבעם וואָלט זיין דער ריכטיגער פאַטריאָט, דאָן וואָלט ער אָרגאַניזירט די עשרת השבטים אין אַ רעספובליקע, ווי עס האָט פארלאַנגט פון די אידען שמואל הנביא (עין שמואל א׳ ח׳). און ווי גדעון האָט זיך אַנטזאָגט צו זיין אַ מלך, ער האָט געזאָגט: „גאָט איז אייער מלך״, נאָר ירבעם בן־נבט האָט ניט געמיינט די אגדה, נאָר די קניידלעך, געוואָלט אויספיהרען זיינע אייגענע עגאָאיסטישע צילען, אָבער ניט דעם פאָלק׳ס טובה. וואָס האָט דאָס פאָלק אויסגעפיהרט — גאָרניט! עס איז געווארען צוויי קייזערליכע הויפען... מיט מעהר הוצאות און מעהר אויסגאַבען. און אַ חוץ צו ליידען פון איין קיסר איז אויסגעקומען ליידען פון צוויי. און די צוויי מלכים האָבען זיך ארומגעריסען איבער דער קרוין, איט־ליכער האָט געוואָלט הערשען על כל ישראל און אין זייער קאמף זיינען געפאלען פילע קרבנות און דאָס אידישע פאָלק איז צוטיילט געווארען אויף צוויי קליינע מלוכות און זייערע אינערלוכע כחות און צוקונפט איז אָפגעשוואַכט געווארען איבער קריגערייי און צאַנקעריי פון אייגענע ברידער; און צום סוף האָבען גע־קראָגען אויף זיי א ממשלה פרעמדע פעלקער און זיי פארטריבען פון דעם לאנד... און דאָס אלעס איז געקומען איבער דעם שולד פון איין מענשען. ירבעם בן־נבט וועלכער האָט זיך ניט אָפגעשטעלט פאר קיין אפערע, נאָר צו דערגרייכען זיין ציעל און צו זיין א מלך אויף די אידען. נאָר נאָך ניט אלעס, נאָך אַ גרעסערער אומגליק האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דאָס אידישע פאָלק, ירבעם האָט געציטערט אז דאָס אידישע פאָלק זאָל איהם ניט ארָאפוואַרפען

פון צו זיין א מלך; ווארום אלע אידען געהען דאך עולה־רגל זיין אין ירושלים, און דארטען איז דער בית־המקדש, דארטען איז דאך מלכותא דרעא ומלכותא דרקיע, נשקו, די שכינה רוהט דארטען. דער באשעפער האט געעפענט אנטקעגען די טויערען פון בית המקדש זיינע הימעלשע שערים. — איבער דעם האט ירבעם מורא געהאט אז זיי — די עשרת השבטים וועלען זיך מיט דער צייט זיך אומקערהרען צו בית־דוד, האט ער אפגעריסען די עשרת השבטים פון צו געהן אין ירושלים עולי־רגל זיין. ער האט זיי אינפארמירט: ער האט געמאכט צוויי עגלי־זהב און האט געזאגט: „אלה אלקיך, ישראל, אשר העלוך מארץ מצרים" (מלכים א׳ יב׳), און זיי געגעבען אנדערע ימים טובים און אנדערע חוקים...

* * *

און דא שטעהען מיר פארגאפט און פרעגען: ווי איז דאס פארגעקומען? דאס פאלק וואס איז געווען צוגעבונדען צו זיין גאט, וועלכער האט זיך פאר איהם באוויזען אויפ׳ן בארג סיני, דאס פאלק וואס האט איינגעזאפט אין זיך יהדות אין די צייטען פון דוד המלך, נעים זמירות ישראל און פון שלמה המלך החכם, ווי אזוי איז דאס פאלק איבערגערעדט געווארען? ווען זיי האבען דערהערט פון איהם אזעלכע ווערטער פון דעם מסית ומדיח, זיי האבען איהם געדארפט לינטשען, טויטען... זיי האבען דאך גלייך געדארפט פארשטעהן אז ער האט אנגעמאכט די בגידה כדי צו ווערען א מלך און פארשפרייטען די טייוועלשע מעשים זיינע. נו, ווארום האבען זיי אזוי ניט געטאן?! — דער תירוץ אין דעם ליגט — די שוואכקייט פון אונזער נאציאן, וואס גלויבט זיינע פארעטער אין אלע דורות... דאס אלעס פארענטפערט אונז די גמרא אין (סנהדרין ק״א, עמוד א)׳: במאמרם הנפלא „מאי ויועץ א״ר יהודא שהושיב רשע אצל צדיק, אמר להו חתמיתו על כל דעבידנא, אמרו ליה הן, אמר להו מלכא בעינא למיהוי אמרו לו הן, כל מה דאמינא לכו עבדיתי, אמרו לו הן, אפילו למפלח ע״ז א״ל צדיק חו״ס אמר ליה רשע לצדיק ס״ד דגברא כירבעם פלח לעכוס, אלא למינסינהו הוא דקאבעי אי קבליתו למימריה, ואף אחיה השלוני טעה וחתם וכו׳".— וואס איז „ויועץ" א״ר יהודא ער, ירבעם האט געזעצט א רשע לעבען א צדיק, האט ירבעם געזאגט צו זיי חתמ׳עט אויף אלעס וואס איך טהו, זאגען זיי: „יע", אלעס וואס איך וועל זאגען וועט איהר טאהן? זאגען זיי, יע, צו זיין ביי איך א קסיר, יע, אפילו צו דינען צו דער ע״ז זאגט דער צדיק ח״ו, זאגט דער רשע צום צדיק ס״ד אזא מאן ווי ירבעם וועט דינען צו די עבודה זרה, מיט א אמת וויל ער אונז אויספרואווען צי מיר זיינען מסכים מיט איהם. איז דאס א פראגע, און אזוי האבען דורך א טעות גע׳חתמ׳ט דארפען זיי אויספאלגען און דינען עבודה זרה? נאר דא איז פארגעקומען עפעס אנדערש, זיי האבען ניט פארשטאנען פון אנפאנג זיין באהאלטענע כונה, זיי האבען געמיינט אז ער פיהלט דעם צער פון די אומה הישראלית און זיי וועלען

טאָן אַלעס וואָס ער, ירבעם פאַרלאַנגט. די עשרת השבטים זיינען נאָכגעגאַנ־גען דעם פיהרער ירבעם בן־נבט בלינדער־הייט, ניט באַמערקט זיין שטרעבונג צו דער מלוכה, וואָס דאָס איז בולט פאַר דער אויג, צו צורייסען מלכות בית־דוד. זעהענדיג אַז זיי פאַרגעטערען איהם און מורא האָבענדיג פאַר מלכות בית־דוד האָט ער זיך אָנגענומען מיט העזה און זיי פאַרגעלעגט דינען עבודה־זרה. דאָס איז די מליצה: אמר להו חתימו על כל דעבידנא" — דאָס הייסט „חתמ'ט אויף אַלץ — גלויבט אין מיר" — האָבען זיי געזאָגט: „מיר גלויבען"; און ניט באַמערקענדיג אַז זיי האָבען אַ געשעפט מיט אַ שווינדלער, וואָס וויל נאַר אַריינכאַפען די ממשלה, פאַלען זיי אַריין אין זיין נעץ. און זיינע געטרייע דינער־רשעים — העלפען איהם דורכצופיהרען זיינע שלעכטע מעשים, און זאָגען צו די פרומע ווי קאָן דאָס זיין אַז אַזאַ מענש ווי ירבעם בן־נבט וואָס איז איבער־געגעבען צו זיין פאָלק בלב ונפש און זיך מוסר נפש געווען פאַר איהם, וועט געבען אַזאַ פאַלשע פוסטע עצה, ער ווייס וואָס ער רעדט און טוט. דאָ איז דאָ כונות נסתרות וואָס ניט איטליכער קען דאָס פאַרשטעהן, ער וויל אונז אויספּרובירען — „א"ל רשע לצדיק ס"ד גברא רבא כירבעם בעי למפלח לעכום, אלא למינסינהו הוא דקא בעי, אי קבליתו למימריה ואף אחיה השלוני טעה וחתם" — און אַזוי האָט דער רשע בעאיינפלוסט דעם צדיק און זיי האָבען אַלע גע'חתמ'עט און ניט געקענט חרטה האָבען. — אָט אין די ווערטער ליגט דער שאַרפער סאַרקאַזם און ווייסט אויף ווי ווייט זיי האָבען אין איהם געגלויבט אַז אַפילו אחיה השלוני האָט אויך געמאַכט אַ טעות און איהם אָנגענומען פאַר אַ באַגאַבטען, אָרענטליכען, גרויסען מאַן. ווי עס ווייזט אויס, איז דער אָרענטליכער קען ניט פאַרשטעהן דעם אונאָרענטליכען. — די עשרת־השבטים זיינען געווען געאיילט, פאַרביטערט, פאַרנומען אין קאַמף מיט בני־יהודא — האָבען זיי ניט באַמערקט אַז ירבעם'ס געדאַנקען קוועלען פון אַן אומריינעם קוואַל, און ווען אַפילו פון אַ ריינעם קוואַל, איז נאָך אויך קיין באַווייז ניט אַז זיינע מעשים זיינען גוטע און ער מיינט דאָס גליק פון זיין פאָלק.

* * *

אָבער דערווייל האָט ער דורך דאָס פאָלק אַלעס דערגרייכט וואָס ער האָט געוואָלט: מלוכה און כבוד, און זיין וואָרט איז געווען אַ חוק ביי אַלעמען און בלינדערהייט האָבען זיי איהם נאָכגעפאָלגט. אָבער ער אַליין האָט געוואוסט אַז פון אַ שטאַרקען פאָלק אַ צונויפגעבונדענעם און אַ דיסציפּלינירטען, וועל־כעס האָט ענטוויקעלט אין די צייטען פון דוד און שלמה, האָט ער, ירבעם בן־נבט, דאָס צושפּאָלטען און געמאַכט צוויי מלוכות, קליינע און שוואַכע, וואָס שלאָגען זיך צווישען זיך און שוואַכען אָפּ זייערע כוחות; און צום סוף וועט קומען דער שונא און מאַכען פון זיי אַ תל. און נאָך מעהר, אַ פאָלק, אַ קדוש וטהור, וואָס איז געווען אַ ליכט פאַר דער גאַנצער עלט מיט זיין אמונה

און תורה, האָט ער, ירבעם, געמאכט פון זיי אַ פאָלק וואָס דינט צו דער עבודה־זרה.

און אין דער זעלבער צייט איז דער בית־המקדש אין ירושלים משפיע הייליגקקייט און געטליכקייט אויף אלעמען וואָס קומען אריין אין זיינע טויערן; אין אבת־קול געהט ארויס פון בית־המקדש און וואַרקעט, ברומט ווי אַ טויב פון איין ברעג וועלט ביז דער צווייטער וואָס מאַכט ציטערן דאָס האַרץ און קלאָגט און זאָגט: „בני יצאוני ואינם, עזבו מקור מיים חיים, לחצב להם בורות נשברים אשר לא יכילו המים". — מיינע קינדער זיינען ארויסגעגאַנגען און ניטאַ, זיי האָבען פארלאָזען די קוואלען פון לעבעדיגען וואַסער און זיך אויסגעגראָבען צובראָכענע ברונימער, וואָס קענען ניט האלטען דאָס וואסער. — און אין דער צייט ווען דער געוויסען הויבט איהם אָן צו פּלאָגען, און ער, ירבעם, באטראכט וואָס האָט ער דאַ אָפּגעטאָן, אומגליקליך געמאכט זיין פאָלק ישראל, אפשר וואָלט גלייכער געווען אומקעהרען די מלוכה, וואָס ער האָט ערוואָרבען מיט פאַלשקייט, בעטרוגען און אָפּנאַרעריי, צוריק יעצט אָפּגעבען צו בית־דוד, און ער און דאָס פאָלק עשרת־השבטים וועלען זיך צוריק אומקעהרען צו זייער גאָט און תורה.

אָבער ווער וועט זיין בראש? בן ישי, נאָר ניט ער, אַ! דאָס, ניין! לאָז דאָס פאָלק זיין צוריסען אויף שטיקער, לאָז ער דינען פרעמדע געטער, לאָז ער זיך בוקען צו גאָלדענע קעלבער, און נאָר ער, ירבעם, זאָל זיין דער מנהיג, דער ראש. אזוי ווי חז"ל דריקען זיך אויס: „אחר הדבר הזה לא שב ירבעם מדרכו הרעה, מאי אחר? אמר רבי אבא אחר שתפשו הקב"ה לירבעם בבגדו ואומר לו חזור בך ואני ואתה ובן ישי נטייל בגן עדן. אמר לו מי בראש? אמר לו בן ישי בראש, אי הכי לא בעינא. (סנהדרין, ק"ב) — נאָך דעם אלעם, האָט זיך ירבעם בן־נבט זיך ניט אומגעקערט פון זיין שלעכטען וועג, וואָס מיינט מען אחר? האָט געזאָגט רבי אבא נאָכדעם בעת גאָט האָט איהם אָנגענומען — ירבעם'ן — פאר זיין קלייד און האָט איהם געזאָגט: „קעהר זיך אום פון דיין שלעכטען וועג, איך און דו ובן ישי וועלען שפּאַצירען אין גן־עדן, האָט ירבעם געזאָגט — און ווער וועט געהן דער ערשטער? האָט ער איהם געזאָגט — בן־ישי; אויב אזוי, וויל איך ניט.

— חז"ל מיינט אזוי: די נשמה, וועלכע איז א חלק אלקי ממעל — אַ טייל פון דער געטליכקייט, האָט ירבעמ'ן אָנגעכאפּט פאר זיין קלייד — דער געוויסען האָט איהם אָנגעהויבען צו פּלאָגען אין דער טיפעניש פון זיין הארצען און א שרעקליכע חרטה כאפּט איהם ארום, כאָטש ער איז געווען דער גרעסטער רשע, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט ווען געהאט, אבער א תלמיד חכם איז געווען און פארשטאַנען ווי טיף זיין פארברעכען איז; ווי גרויס זיין זינד איז, ער האָט פארפיהרט דאָס פאָלק און דערפירט איהם צום אָפּגרונט. און ירבעם האָט געוואוסט אז ער קען ראַטעווען דאָס פאָלק מיט זיין תשובה און אומ־

קעהרען די מלוכה צו בית־דוד און אליין פארנעמען א קלענערען פאָסט, אָרט. אָבער באַטראַכטענדיג ווער וועט זיין בראש ? — בן־ישי ! וועלכער איז אין אלע הינזיכטען קלענער פון איהם, נאָר האָט מעהר ניט ווי זכות־אָבות. — ניין ! דאָס וויל ער ניט. דער עגאָאיזם האָט בייגעקומען דעם מענשענס שכל און געפיל, און דאָס פאָלק איז פאַרפירט געוואָרען.

ניט קוקענדיג אויף דערויף וואָס ירבעם האָט זיך געכאַפּט אז ער האָט פארבלאָנדזשעט און וויל טאָן תשובה, אָבער עס איז שוין צו שפּעט... און זיין גסות־הרוח לאָזט איהם ניט צו צו דעם. און אזוי זעהען מיר ארויס אז אונזערע שני בתי מקדשנו זיינען חרוב געוואָרען ניט פון נבוכדנצר'ן און טיטוס'ן נאָר דורך שלמה'ן ירבעם'ן און פון פרוד לבבות און פרוד הדעות פון אונזער פאָלק ישראל !

אזוי ווי רבי יהודא דערצעהלט אין נאָמען פון רב : די חכמים האָבען איין מאָל געוואָלט אריינגעמען שלמה המלך אין דעם צעטעל פון די אידישע מלכים וואָס האָבען קיין עולם הבא. האָט זיך פאר זיי באוויזען דער געשטאַלט פון דוד המלך און האָט זיך זיי צו די פיס געוואָרפען און געבעטען אז זיי זאָלען דאָס ניט טאָן. אָבער די חכמים האָבען דאָס ניט געאַכט. איז ארויס א בת־קול פון הימעל און האָט געזאָגט : אָט דעם מענשען וואָס האָט פריהער געבויט א הויז פאר מיר, און נאָכדעם פאר זיך, און נאָך מעהר : מיין הויז האָט ער פארטיג געמאַכט אין זיבען יאָהר און זיין הויז האָט געדויערט צו בויען דרייצעהן יאָהר, אָט איהם ווילט איהר שוין אין גיהנום ? האָבען די חכמים אויך ניט געאַכט. צו לעצט איז ארויס אַ בת־קול און האָט געזאָגט : מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר צו פארטיילען שטראָפען און זאָגען דעות ווער עס זאָל געהן אין גן עדן, און ווער נישט ? ערשט דאַן האָבען די חכמים געענדערט זייער באשלוס...

חז"ל צייגט אונז אויך אָן דעם פונקט בדרך דרוש פארוואָס עס איז גע־קומען דער חורבן : „בשעה שנשא שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים, והעלה שרטון ועליו נבנה כרך גדול שברומי" — „אין דער צייט ווען שלמה האָט גענומען פרעה'ס טאָכטער פאר א פרוי, איז אראָפּגעגאַנגען דער מלאך גבריאל און האָט אריינגעשטעקט א שטענגעל, אַ שיהלפראר אין ים, און האָט אויפגעבראַכט אַ זאמד־בארג און אויף איהם איז געבויט געוואָרען א גרויסע שטאָדט רוים. (סנהדרין כ"א). דאָס מיינט זינט שלמה המלך האָט גענומען בת־פרעה האָט זיך דאַן אָנגעהויבען אלע צרות; פאר בת־פרעה האָט שלמה המלך אָנגעפירט(אנגריות—שווערע ארבייט) און א שווערען יאָך האָט ער ארויפגעלעגט אויפ'ן פאָלק, און מיט דערויף האָט ער דערוועקט דעם צאָרן פון דאָס פאָלק; פון דאמאָלסט אָן האָט זיך איינגעגעבען ירבעמ'ן ביסלעכווייז צו געווינען דעם צוטרוי פון דאָס פאָלק ישראל. פון דאמאָלסט אָן האָט זיך אָנגעהויבען דער חורבן אין אלע צרות און מיט מלחמת אחים האָבען מיר גע־געבען א שווערד דעם שונא חרוב צו מאַכען אונזער לאנד.

12.

אחאב בן עמרי.

(901־922) אחאב איז געווען דער קיסר פון עשרת השבטים. אַ מאַן פון שוואַכען נאַטור. ער האָט ליעב געהאט רוהיגקייט, ניט געוואָלט פיהרען קיין מלחומות. ער האָט געלעבט בשלום מיט מלכות בית־דוד. דער מלוכה אָפּאַראַט איז געווען אין די הענט פון זיין ווייב איזבל (די פעניציערן איזבל). אחאב האָט זיך אויסגעבויעט אַ פּאַלץ אין טאָל יזרעאל. גלייך מיט אחאב׳ס פּאַלאַץ איז געשטאַנען אַ פּראכטיגער וויין־גאָרטען, דאָס האָט באלאנגט צו נבות היזרעאלי. דער קיסר האָט געוואָלט פארפלאַנצען א סאָד ארום זיין פּאַלאַץ און געוואָלט אָפּקויפען דעם וויין־גאָרטען ביי נבות׳ן, אָדער איהם געבען אַ וויין־גאָרטען אין אַן אַנדער אָרט. נאָר נבות האָט ניט געוואָלט, ווייל דאָס איז געווען א ירושה פון זיינע עלטערן. דער קיסר איז פון הארצווייטאָג קראַנק געוואָרען און ניט געגעסען. — זיין פרוי איזבל די מרשעת האָט איהם געפרעגט די סיבה פון דעם, האָט ער איהר אלעס דערצעהלט. זי האָט איהם סאַרקאַסטיש באמערקט: „דו פאַסט זיך צו האלטען די רעגירונג איבער ישראל!... זי האָט איהם צוגעזאָגט דעם וויין־גאָרטען פון נבות. איזבעל האָט אַנגעשטעלט פאַלשע עדות אַז ער האָט „געלעסטערט גאָט און דעם קעניג!” — דאַן האָט מען נבות היזרעאלי פארשטיינערט. — אחאב האָט דערהערט אז נבות איז ניט צווישען די לעבעדיגע איז ער אוועק אין נבות יזרעאל׳ס וויין־גאָרטען צו ירשנ׳ען. אָבער דאָ האָט ער זיך אַנגעשטויסען אַן דעם געטליכען נביא אליי׳ וועלכער האָט איהם אין נאָמען פון גאָט געזאָגט: „האָסטו אָבער געמאָרדעט און אויך גערויבט!” — „אויף דעם אָרט וואו די הינט האָבען געלעקט נבות׳ס בלוט וועלען אויך דיין בלוט הינט לעקען!... דאָס איז געזאָגט געוואָרען אונערוואַרטעט און האָט צוטומעלט דעם קיסר, ווי אַ דונער האָבען אליה׳ס ווערטער געטראָפען דעם מלך און אַ פינסטערע חרטה האָט גענאָגט זיין הארץ... אחאב האָט צוריסען זיינע קליידער, אַנגעטאָן אַ זאַק אויף זיך, האָט געפאַסט און קוים ארומגעגאַנגען.

אויך באשרייבט דער תנ״ך ברייט ארום דעם קאַמף וואָס אליי׳ הנביא האָט געפירט מיט די ריכטיגע נביאים אַנטקעגען די פאַלשע נביאים — נביאי הבעל — וואָס איזבל האָט זיי אַנגעשטעלט, אָבער געזיגט האָבען די אמת׳ע נביאים. אויך אין אחאב׳ס צייטען איבער די זינד פון ישראל איז דריי יאָהר ניט געווען קיין רעגען, עס איז געווען בצרת, נאָר נאָך די נקמה פון די פאַלשע נביאים האָט גאָט געגעבען רעגען און מענשען האָבען אָפּגעלעבט.

ניט קוקענדיג וואָס אחאב איז געווען אַ מלך של שלום דאָך האָט ער געמוזט פיהרען אַ מלחמה ניט ווילענדיג, מיט הדד מלך־ארם, ווייל הדד איז אָנגעפאלען אויף איהם מיט גרויס חיל. ער האָט פארלאַנגט פון אָנפאַנג אַז אחאב זאָל איהם אָפּגעבען מיט גוטען אלץ און אנערקענען זיין אויבערהער־שאַפט. נאָך עצת־הזקנים האָט ער צוריקגעוויזען בן־הדד׳ס פאָדערונג. בן־הדד האָט געלאָזט וויסען אחאב׳ן אז אַ שטיין אויף אַ שטיין וועט ער ניט לאָזען, ער וועט אלעס חרוב מאַכען. האָט אחאב זיך ניט דערשראָקען און געענטפערט: „זאָל זיך ניט באריהמען דער וואָס טוט אָן דעם גארטעל, ווי יענער וואָס טוט איהם אויס״.... אחאב איז מיט אַ העלדישע קליינע מחנה אָנגעפאלען אויף דעם לאַגער פון די ארמים אין דער צייט ווען זיי האָבען געהוליעט און ער האָט זיי צוקלאָפּט. אין אַ יאָהר ארום זיינען ווידער אָנגעפאלען די ארמים אויף די אידען, נאָר דאָס מאָל האָבען זיי געכאפּט נאָך אַ גרעסערע מפּלה און בן־הדד האָט מען גענומען געפאנגען. בן־הדד האָט צוגעזאָגט אחאב׳ן אז ער וועט איהם אומקעהרען אלע שטעדט וואָס מען האָט אַמאָל ביי זיי צוגענומען, נאָר ער זאָל איהם אָפּלאָזען פריי. ער האָט איהם געגלויבט, נאָר זיין וואָרט האָט בן־הדד ניט געהאלטען. דאַן האָט אחאב געשלאָסען אַ בונד מיט׳ן מלך פון יהודא מיט יהושפט׳ן געהן מלחמה האלטען מיט די ארמים אין דער שטאָט רמות און גלעד. אלע פאלשע נביאים האָבען נביאות געזאָגט אז זיי וועלען באזיגען דעם שונא „ארמים״. נאָר מכיהו—אַ ריכטיגער נביא פון ד׳, וועל־כען יהושפט האָט געהייסען פרעגען, האָט געזאָגט, איך זעה אלע בני ישראל צושפּרייט איבער די בערג אזוי ווי שאָף אָהן אַ פאַסטוך״. אחאב איז ניט געווען צופרידען פון דער שלעכטער נבואה, און דעם נביא ארעסטירט באַלד נאָכדעם זיינען די פאראייניגטע אַרמייען מיט זייערע מלכים אַוועק אין קריעג קיין רמות. דאָ איז פארגעקומען אַ בלוטיגע שלאַכט. אין דעם שלאַכט האָט אַ פייל געטראָפען דעם קיסר אחאב׳ן. דעם פארוואונדעטען קעניג האָט מען אוועקגעפירט פון שלאַכטפעלד. די מלחמה האָט אָנגעהאלטען קעגען ארם דעם גאַנצען טאָג; דער קעניג האָט זיך געהאלטען אויפ׳ן וואָגען און די בלוט פון וואונד איז גערונען אין וואָגען, אָבענט־צו איז ער געשטאָרבען. אַז די זון איז אונטערגעגאנגען איז געווען אַ סיגנאַל דורך דעם לאַגער, זאָגענדיג: — „יעדער צו זיין שטאָדט און פראָווינץ!״ — אז דער קעניג איז געקומען אין שומרון איז ער געשטאָרבען. מען האָט איהם אין שומרון באערדיגט. אז מען האָט דעם וואָגען געוואַשען ביים טייכעל אין שומרון, האָבען די הינט געלעקט זיין בלוט און די זונות האָבען זיך געבאָדען אין זיין בלוט, ווי גאָט האָט פאָר־אויס געזאָגט.

* * *

חז״ל גיבען אַ באַלייכטונג וועגען אחאב בן־עמרי, זיי זאָגען אז דער מאן וואָס האָט געטויטעד אחאב׳ן מיט׳ן קשת איז געווען הדרימון בן טברימון נאָכ׳ן

תרגום יונתן אויפ'ן פסוק „ביום ההוא יגדל המספד בירושלים כמספד הדרימון בבקעת מגידון (זכריה י״ב) — כמספדא דאחאב בר עמרי דקטל יתיה הדרימון בר טברימון. (מ״ק, כ״ח) — עס וועט דאמאלסט א גרויסע קלאג זיין אין ירושלים ווי דער קלאג פון הדרימון אינ'ם טאהל מגדון — ווי דער הספר פון אחאב'ן דער זוהן פון עמרי וואס האט איהם דערהארגעט הדרימון דער זוהן פון טברימון. א גרויסען כבוד האט מען איהם אפגעגעבען נאך'ן שטארבען, מען האט איהם אנגעטאן אזא כבוד אזוי ווי צו חזקיה'ן, נאך זיין לויה זיינען געגאנגען דרייסיק זעקס טויזענט באוואפענטע (דאס איז א סימן אבלות, ב״ק, י״ז); דער כאראקטער זיינער איז געווען א צוויי־פאכיגער, ער האט זיך גע־ווארפען אהין און אהער. אחאב־יורה „אח״ לשמים ו„אב״ לע״ז. (סנהדרין, ל״ט). אין זיין דור זיינען ניט געווען קיין געצענדינערין, פארלוימדער, חנפים, דערפאר האבען זיי איינגענומען זייערע מלחמות. (במדבר רבה פי״ח) און ר׳ יונתן זאגט פארוואס האט אחאב זוכה געווען למלכות כ״ב שנה, ווייל ער האט טייער געהאלטען די תורה וואס מען האט געגעבען מיט צוואנציג צוויי אותיות. ער איז געווען א ספארט מיט זיין געלט, און תלמידי חכמים האבען הנאה געהאט פון זיינע גיטער. (שם ק״ב); ווי עס ווייזט אויס האט ער געהאט א כשרה קיך „והעורבים מביאים לו לאליהו לחם ובשר״ (מ״א, י״ז). מהיכא? א״ר יהודא מבי טבחא דאחאב (סנהדרין הי״ג). — פון וואנען האבען די עורבים געבראכט? פון אחאב'ס קיך. חז״ל זיינען אויף אלעמען מלמד זכות, אפילו אויף איזבל די מרשעת. זיי זאגען אז אפילו ביי איזבל געפינט זיך אויך א גוטע זאך: זי פלעגט טאן חסד וצדקה, איהר הויז איז געווען נאהענט צום מארק און אז א מת רחמנל'ג פלעגט מען פארבייפיהרען, פלעגט זי ארויסגעהן פון הויז, פלעגט ברעכען מיט די הענט און באקלאגען, און דורכ־לאזען צעהן טריט, און ווען מען פלעגט פארבייפיהרען א חתן, פלעגט זי ארויס־געהן פון איהר הויז און דרעהען מיט די הענט און פלעגט דורכלאזען צעהן טריט, מיט איין ווארט, זי פלעגט טאנצען אויף אידישע ארימע חתונות, פא־טשען מיט די הענט, דרעהען מיט דעם קאפ און טאנצען מיט די פיס. האט נביאות געזאגט וועגען איהר אלי׳ הנביא זכור לטוב; „די הינט וועלען עסען איזבל אין טייל פון יזרעאל, אבער איהרע אברים וואס האבען געטאן גנאדע (די קאפ, די הענט און די פיס) וועלען די הינט אויף זיי קיין שליטה ניט הא־בען״. און מען האט זי מקבר געווען אזוי ווי עס שטעהט געשריבען: וילכו לקברה (פרקי דר״א, פי״ז).

13.

אחז בן יותם.

אחז בן יותם איז געווען דער מלך פון יהודא (577־561, קדם סה״ג). ער איז געווען צוואנציג יאָהר בעת ער איז א קיסר געוואָרען און זעכצעהן יאָהר האָט ער געקעניגט (מ״ב, ט״ז, ב.) אין די ערשטע צייטען פון זיין קעניג־רייך האָבען זיך געווענדעט צו איהם פקח בן רמליהו, דער קעניג פון שומרון, און רצון דער קעניג פון ארם ער זאָל זיי געהן צו הילף ווען זיי וועלען זיך אַוועקשטעלען געגען אַשור, איז איהם דער פּלאַן ניט געפעלען. ער האָט זיך געוואָלט בוקען צו א לייב (אַשור) איידער צו א פוקס. דאָס האָט פארדראָסען די מלכים פון שומרון און ארם און זיי זיינען אַנגעפאלען אויף ארץ יהודא. דער גרויסער נביא ישעיהו מיט זיין ווייטען קוק האָט איהם געוואָרענט זיך מיט זיי ניט פארבינדען און אויך ניט מיט אַשור׳ן, ער זאָל זיך ניט שרעקען און זיך ניט בויגען שקלאַפיש פאר׳ן אסרישען מלך אַשור, נאָר האָפען צו גאָט. האָט אחז דער פחדן אָבער ניט געהערט ישעיה׳ן, אחז איז ניט געווען קיין גרויסער חכם. ווען אחז וואָלט הערען ישעיהו און האָבען פארשטאַנד, וואָלט דער מלך אשור זיי צוקלאַפּט — רצין ופקח — אָהן דער ביטע פון מלך אחז׳ן; און ארץ יהודה וואָלט פארבליבען ווי פריהער אַ פרייע לאַנד און ניט זיין אונטער׳ן קנאַפּעל פון מלך אשור. — אחז האָט ליב געהאט שעהנקייט, ער האָט איינגעפירט אַפּט נוצליכע זאַכען, ווי דער זונ־־זייגער, א געזעצטע צייט־רעכנונג אויף חדשים און טעג, א נייע אַרט פון הייזער בויען, אָבער ער האָט איינגעפירט פילע נאַרישקייטען, אוריה נאָך זיין באַפעל האָט געמאכט א נייעם מזבח אין בית המקדש נאָך דעם סאמפּעל פון מזבח וואס ער האָט געזעהן אין דמשק. ער אחז האָט איינגעפירט געצענדינסט, אחז איז אריין אמאָל אין אַזאַ עקסטאַז אז ער האָט זיין אייגענעם זוהן פארברענט פאר׳ן אָפּגאָט (שם י״ח ב׳) מיט פייערדיגע רייד האָט דאַן ישעיהו הנביא געשטראָפט דעם קיסר און דאָס פאָלק, זיין וואָרט איז געווען גליהענדיק... ער האָט געזאָגט: אוי, ווי איז די טרייע שטאָדט געוואָרען ווי א בוהלעריןּ, זי איז פול געווען מיט גערעכ־טיגקייט, די אונשולדיגקייט אליין פלעגט זיך אויפהאלטען אין איהר, אָבער יעצט — מערדערס. דיין זילבער איז געוואָרען אָפּפאַל, דיין געטראַנק איז געמישט מיט וואַסער. דיינע פירשטען זיינען אָפטריניגע געוואָרען, און פריינד פון גנבים, אַלע ליבען צו נעהמען בעשטעכונג, אלע יאָגען זיך נאָך באַצאָה־לונגען, דעם יתום שאָפט קיינער קיין גערעכטיגקייט, און די קלאָגע פון דער אלמנה קומט ניט פאר זיי. דארום, זאָגט דער הערר, דער גאָט פון די הער־שאָרן, דער שטאַרקער גאָט פון ישראל: אַ,איך וועל זיך טרייסטען פון מיינע בעליידיגער; ראַכע וועל איך נעהמען פון מיינע פיינד.

חז״ל זאָגען אז אחז האָט פארניכטעט די טהרת המשפחה בישראל, ער האָט (התיר) מתיר געמאַכט די ערוה וואָס איז אסור על פי התורה. ער האָט געוואָלט אויסרייסען מיט׳ן וואָרצל תורת ישראל, האָט ער פארזאָגט צו פאר־שליסען בתי כנסיות ובתי מדרשות וואו עס האָבען געפּרעדיגט דאָרטען די נביאים, כדי דאָס פאָלק זאָל זינקען אין ווילדקייט, זיי האָבען אויך מבטל געווען אידישע סקולס, ווען עס איז ניטאָ קיין ציגעלעך וועלען אויך ניט זיין קיין ביקעלעך (אם אין גדיים אין תישים) (סנהדרין ק״ג, ב״ר, פמ״ב). דערפאר האָבען זיי באשלאָסען אז ער האָט ניט קיין עולם הבא (שם). די הגדה דער־צעהלט איבער זיין שלעכטסקייט איז פארענדערט געווארען די סדרי בראשית, ווארום אין דעם טאָג אין וועלכען אחז איז געשטאָרבען האָט די זוהן ניט גע־לייכט צו דער וועלט, נאָר צוויי שעה כדי עס זאָל ניט זיין קיין צייט איהם מספיד צו זיין, ווארום מען לאָזט ניט איבערנעכטיקען דעם מת אין ירושלים. (סנהדרין צ״ו). אָבער אין משנה (סנהדרין פ׳ חלק) איז ניט אריינגערעכענט אחז צווישען די מלאכים וואָס זיי האָבען ניט קיין חלק לעולם הבאָ און עס ווערט דערקלערט אין גמרא דעם טעם, ווייל ער האָט געהאט אין זיך די מדת הבושה, ער האָט זיך געשעהממט איבער זיין רשעת און ער האָט זיך ניט געוואָרט באוויזען אין זיין שלעכטסקייט פאר ישעיה׳ן ווארום אחז האָט איהם זעהר געעהרט און מורא געהאט פאר איהם — יראת הכבוד. (סנהדרין ק״ד).

14.

ישמעאל בן־נתניה.

עס איז פאַראַנען מערדער אויף דער וועלט, וועלכע זיינען ניט ווערטה אַז מען זאָל זיי דערמאָנען, נאָר מען שרייבט וועגען זיי כדי די וועלט זאָל וויסען וואָס פאר טיפען מענשען־חיות זיינען דאָ און מען זאָל זיך פאר אַזעלכע גזלנים זיך היטען. — צו אַזאַ טיפּ באַלאַנגט ישמעאל בן־נתניה, וועלכער האָט פאר־לאָשען דאָס לעצטע אידישע פונק. — ישמעאל בן נתניה איז געווען אין דער דער צייט פון ירמיהו הנביא אויך אין דער צייט ווען נבוכדנצר מלך בבל האָט חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש און האָט אויפגענומען גדליה בן אחיקם אויף די אָרימע פון פאָלק, וועלכע זיינען פארבליבען פון די פארטריבענע אין בבל. זיין פאָטער אחיקם בן שפן איז געווען מיט ירמיהו הנביא און האָט ירמיהו׳ן הנביא געראַטעוועט פון דאָס פאָלק, וואָס האָט איהם געוואָלט טויטען פאר זיינע שלעכטע נביאות. (ירמיה כ״ו כ״ד) אויך גדליה האָט געשטימט מיט ירמיה׳ן וואָס האָט איהם אָן עצה געגעבען שלום מאַכען מיט די בבלים, זיי זאָלען ניט חרוב מאַכען דאָס לאַנד איינגאַנצען. גדליה איז געזעסען אין

מצפה און אלע האָרען האָבען זיך באהעפּט צו איהם, און ער האָט זיי און אַ טייל פון דעם המון, וואָס זיינען איבערגעבליבען לעבען, מבטיח געווען אַז זיי וועט קיין שלעכטעס ניט טרעפען פון דער זייט פון מלך בבל. ער האָט זיי געבעטען באזעצען זיך אין די שטעט יהודא און זיך ניט צומישען מיט די בונטאָווטשיקקעס אַנטקעגען מלך בבל. נאָר בעליס מלך עמון, וועלכער האָט געוואָלט פארניכטען אינגאנצען ממלכת־יהודא האָט אָנגערעדט ישמעאל בן־נתניה מזרע המלוכה טויטען גדליה׳ן (עין ירמיה מ׳, יד״). די צווייטע ווערסיע איז אזוי: ישמעאל בן־נתניה איז געווען פריער א קריגס־פיהרער איינער פון קעניגליכער אָפּשטאַמונג, וועלכער האָט פון קנאה צו גדליהו׳ן אָדער וועלענדיג ארויסרופען אַ נייעם אויפשטאַנד געגען בבל האָט ער באשלאָסען צו טויטען גדליה׳ן, (ווי לעכערליך עס איז אַ נייער אויפשטאַנד, האָט זיך איהם פארוואָלט בעת עס איז געבליבען יתר הפליטה). — איז געקומען ישמעאל צו גדליה׳ן המצפתה בחדש השביעי (תשרי) און דאָרטען זיינען שוין געווען יוחנן ויונתן בני קרח און נאָך שרי חילים. יונתן האָט פארשטאַנען אז דאָ וועט קיין גוטס ניט געבען און אויך געהערט אז ישמעאל איז ניט אומזיסט געקומען, ער טראָגט זיך ארום מיט שלעכטע געדאַנקען און האָט דערביי אַ באַהאַלטענע כונה. דע־ריבער האָט יוחנן געוואָרענט גדליה׳ן זיך היטען פון ישמעאל׳ן וואָס איז איהם געקומען טויטען. נאָר גדליהו האָט ניט געגלויבט און האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיינע רייד. גדליהו האָט אויפגענומען ישמעאל׳ן מיט זיינע מענשען מיט כבוד און געהאט מיט איהם אַ דינער. (גדליהו איז געווען א תמים, אַ פילאַנט־ראָפּ און ניט גערעכענט אַז ישמעאל טראַכט אויף איהם בייז) און בשעת זיי האָבען געגעסען און געטרונקען האָט זיך אוועקגעשטעלט ישמעאל און מיט איהם צעהן מענשען, און האָבען איהם דערהארגעט מיט׳ן שווערד. און ישמעאל האָט געפאנגען די איבערגעבליבענע פון פאָלק וואָס איז אין מצפה, דעם קעניגס טעכטער און גאָר דאָס פאָלק, וועלכע זענען פארבליבען אין מצפה, וואָס נבוזראַדן דער הויפּט פון די שלאַכטער האָט איבערגעגעבען צו גדליה׳ן דעם זוהן פון אחיקם, זיי האָט ישמעאל דער זוהן פון נתניה געפאַנגען אָוועקצו־פיהרען זיי צו די בני־עמון. און ווי יוחנן בן קרח שר־הצבא ושרי החילים האָבען דערהערט די טרויעריקע בשורה, זיינען זיי נאָכגעלאָפען נאָך ישמעאל׳ן מיט זיינע מענשען און דערגרייכט זיי נעבען גבעון, און דאָס גאנצע פאָלק האָבען זיך אָפּגעקעהרט פון ישמעאל׳ן און זיי זיינען געגאנגען נאָך יוחנן, און ישמעאל איז אַנטלאָפען צום מלך עמון. (דער סוף פון מערדער איז ניט באַ־וואוסט). יוחנן האָט געפירכטעט אומצוקעהרען זיך אין יהודא איבער׳ן כעס פון מלך בבל, טאָמער וועט ער איהם חושד זיין אין טויט פון גדליה׳ן, דערפאַר איז ער אַנטלאָפען מיט זיינע מענשען אין מצרים און פארנומען מיט זיך אויך ירמיהו הנביא.

* * *

דער טויט פון גדליה האָט גרם געווען אז עס איז פארטיליגט געווארען די איבערגעבליבענע — שארית יהודא, איבער דעם האָט מען קבע געווען דעם טאָג פון הריגת גדליה וואָס נאָך חז״ל: בשלשה לחדש תשרי ליום צום ותענית לדורות (זכריה ז׳ ה, ח, ט׳) ששקולה מיתתן של צדיקים כשרפת בית אלקינו (ר״ה י״ח נדרים יב׳), חז״ל האָבען שולדיג געמאַכט גדליה׳ן ווייל ער האָט האָט ניט געהערט די אזהרה פון יוחנן, און זיי האָבען גע׳דרשנ׳ט דעם פסוק... פגרי האנשים אשר הכה ביד גדליהו (ירמיה מ״א ט׳) צו דען האָט גדליה זיי דערהארגעט? ישמעאל האָט דאָך זיי דערהארגעט, נאָר איבער דעם ווייל ער האָט געדארפט הערען די עצה פון יוחנן בן־קרח. (נדה ס״א, ע״ע תענית). איבער דעם איז גלייך ווי ער וואָלט זיי דערהארגעט.

15.

„העלעניסטען״ און היינטיגע אסימילאַטאָרען.

„העלעניסטען״ — ד. ה. ליבהאָבער פון גריכישען אָרט לעבען האָבען זיך פאַרשפּרייט ביי אונזער פאָלק אין די צייטען בעת אונזער לאנד איז געווען אונטער „ממשלת יון״, וועלכע האָט אלצדינג איינגעשלונגען מיט איהר פיזי־שע שטאַרקייט. די גריכען האָבען באַקומען אַ ממשלה כמעט איבער דער גאנצער וועלט, זייער גייסט, האָט געמאַכט אן איבערקערעניש אין אלעמען. דאַן האָבען זיך צוזאמענעשטויסען צוויי אַנטקעגענגעזעצטע וועלט אַנשויאונגען — צוויי קולטורען האָבען זיך דאַן אַנגעשלאָגען, די אידישע און די גריכישע, און באַאיינפלוסט איינער דעם צווייטען. — צו וויסען אויף קלאָהר די סיבה ווי אזוי די באַצילען פון „העלעניזם״ האָבען זיך אריינגעכאַפּט אין קערפּער פון אַ טייל פון אונזער פאָלק מוזען מיר ברייט ארומריידען דעם פעריאָד פון יענער צייט, דער אָרט לעבען פון די אידען און גריעקען.

אין יענער צייט זיינען מיר געזעסען אין ארץ ישראל, איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו, אונזער אידישער כח איז ניט באַשטאַנען אין דער שווערד צו פאַרגיסען בלוט און ברייט מאַכען אונזער טעריטאָריע — מיר זיינען געווען אַ פאָלק, אַן עם־הספר, אונזער לעהרע איז באַשטאַנען אין גאָט׳ס וואָרט. ווען אַלע אמות העולם האָבען געזעהן פאַרכאַפּען טעריטאָריע מיט׳ן שווערד און ביקס האָט אונזער פאָלק דאַן געלערענט דער וועלט מענשליכקייט: איזה גבור הכובש את יצרו״ — דער וואָס איז קערפּערליך שטאַרק רופט זיך ניט גבור, נאָר דער וואָס קען זיך איינהאלטען ניט צו טאָהן דעם צווייטען קיין שלעכטס, בעת דער שלעכטער אינסטינקט רעדט איהם איין צו שלעכטס, דער איז אַ גבור. —אזוי ווי חז״ל דערצעהלען וועגען אלכסדר מוקדן, דער תלמיד

פון באוואוסטען פילאָזאָף אריסטו, וועלכער האָט זיך פאראינטערעסירט מיט דער אידישער הויכער קולטור און פילאָזאָפיע, האָט אָפט דעבאַטירט מיט אונ־זערע געלערענטע חכמים האָט ער זיי געפרעגט: „איזה גבור?" (ווארום ער איז געווען אַ גרויסער גבור, בעת ער איז נאָך געווען א יונגער בחור'ל, האָט איהם זיין פאָטער געבראכט אַ ווילדען פערד מיט'ן נאָמען „בוצעפאלא", אלע האָבען מורא געהאַט זיך צו זעצען אויף איהם, נאָר ער איינער האָט געקענט באַהערשען דעם פערד, ער האָט זיך געטראָגען אויף איהם אין אלע מלחמות, ווי אַ בליץ). די חכמים האָבען איהם געענטפערט: „איזה גבור הכובש את יצרו". פרעגט נאָך אלכסנד מוקדן: „איזה עשיר?" (ער האָט ערוואָרבען אוצרות גאָלד פון פאָטער). „איזה עשיר, השמח בחלקו". דער איז רייך, ווער עס איז צופרידען מיט וואָס ער פארמאָגט, האָבען איהם געענטפערט די חכמים. אַזאַ מענש האָט הנאָה פון זיין לעבען, ווארום די אויג פון אַ מענשען איז זעהר גרויס און וויפיל גאָלד אַ מענש זאָל ניט האָבען דוכט זיך איהם אלץ אַז ער האָט ווייניג, אזוי איז דער נאַטור פון דעם מענשען, ער וויל פאַנגען די חיה —קאַפּיטאל, נאָר די חיה פאַנגט איהם, די בעסטע יאָהרען געהען אוועק יאָגענ־ניג זיך נאָכ'ן קאַפּיטאַל, וועלכעו ער קריגט ניט און ווען ער קריגט, שטעלט דאָס איהם ניט צופרידען, און ער פארלירט די כחות, ווערט אַלט, גרוי פאַר דער צייט און די חיה־קאַפּיטאל פאַנקט איהם. פרעגט ווייטער דער קעניג אונזערע חכמים: „איזה חכם?" — ווער רעכענט זיך פאר אַ קלוגען? — „חכם הרואה את הנולד". — אַ קלוגער איז דער וואָס באַטראַכט זיך און קוקט זיך צו מיט אַ קלוג אויג פריהער וואָס קען דערפון ארויסקומען להבא. — אויך תלמי לאגוס — דער גריכישער קיסר, האָט זיך באַגאַנגען ערליך מיט די פעלקער, וואָס ער האָט באזיגט, און אויך די אידען, אזוי ווי אלכסנדר מוקדן, האָט תלמי דער צווייטער פילאדעלפוס זיך ארומגערינגעלט מיט גריכישע געלעהרטע און דיכטער; אין זיין צייט איז די לאַגע פון די אידען נאָך בעסער געוואָרען. ער האָט זיך באַמיהט צו פאַרפלאַנצען אין זיין לאנד וויסענשאַפט און קונסט. ביי זיין הויף האָט זיך געפונען דער גרעסטער מוזעאום אין דער וועלט, וואו עס זיינען געווען אויפגעזאַמעלט ליטעראַרישע און קינסטלערישע ווערק פון אַלע פעלקער. די לעגענדע דערצעהלט אז ווען תלמי האָט זיך דערוואוסט וועגען די אידישע הייליגע ספרים און זייער הויכען ווערטה, האָט ער געוואָלט זיך באַקענען מיט זיי און קריגען א געטרייע גריכישע איבערזעצונג פאַר זיין רייכער ביבליאָטעק, האָט ער געשריבען אַ בריוו צום כהן גדול אליעזר אין ירושלים און געבעטען ער זאָל איהם שיקען קיין אלעקסנדריען געלערנטע לייט וועלכע זאָלען קענען איבערזעצען די אידישע ספרים אין דער גריכישער שפראַך. צוזאמען מיט'ן בריוו האָט דער קעניג געשיקט רייכע מתנות פאַר'ן בית־המקדש. אליעזר האָט גער'ן געטאָהן תלמיס פאַרלאַנג און האָט אוועק־געשיקט צו איהם צוויי־און־זיבעציג געלערענטע לייט, וואָס האָבען געקענט

גריכיש אזוי גוט ווי העברעאיש, און וועלכע האָבען מיט זיך גענומען אַ קאָפּיע פון תורה. די איבערזעצער זיינען אויפגענומען געוואָרען אין אַלעקסאַנדריען מיט גרויס כבוד, דער קעניג האָט מיט זיי אסך פארבראכט און האָט באַוואונדערט זייער חכמה. מען האָט פאר זיי אָפּגעלאָזט אַ באַזונדערען פּאַלאַץ מיט גרויס כבוד, דער קעניג האָט מיט זיי א סך פארבראכט און האָט באַ־אויפ׳ן אינזעל פאַראָס, נעבען אלעקסנדריען, און דאָרט אין פולשטענדיגער רוהע און שטילקייט, האָבען זיי געארבייט אויף דער גריכישער איבערזעצונג פון תורת משה. די לעגענדע דערצעהלט, אז מען האָט די איבערזעצער צוטיילט אין צוויי און זיבעציג באזונדערע חדרים, כדי זיי זאָלען זיך ניט קענען צו־זאמענרעדען, יעדער איינער פון זיי האָט איבערזעצט פאר זיך, און פון דעסט־וועגען ווען מען האָט צום סוף פארגליכען אלע איבערזעצונגען, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז זיי שטימען וואָרט אין וואָרט. דאַן האָט מען די איבערזעצונג געבראכט פאר תלמי, און דערביי זיינען געווען פאַרזאַמעלט די זקנים פון די עגיפּטישע אידען. די זקנים האָבען געבעטען ערלויבעניש ארונטערצונעהמען אַ קאָפּיע פון דער איבערזעצונג, כדי זי צו פארשפּרייטען אין זייערע קהלות, וואו די אידע האָבען גערעדט גריכיש. — אין דער שפּעטערער צייט זיינען אי־בערגעזעצט געוואָרען אויף גריכיש אויך די איבעריגע ספרים און תנ״ך. פון דער דאָזיגער אבערזעצונג האָבען זיך די געבילדעטע גריכען און רוימער באַקענט מיט דער רעליגיעזער ליטעראטור פון די אידען. די גריכישע אי־בערזעצונג האָט געקראָגען דעם נאָמען „סעפּטואַגנט״ אָדער העתקת השבעים.— אזוי האָבען זיך דיביידע גייסטליכע פעלקער באקאנט פעסט מיט זייער לעהרע און הויכער קולטור. די גרעקען האָבען דורך אונזער תורה ארויסגעזעהן אַז כנסת ישראל האָט דער וועלט די געטליכקייט געלערענט און איהר די ביבעל און תלמוד געשאָנקען, עטיק און מאָראַל, ווירדע און שטאָלץ; אָבער די גריכען האָבען נאָר געגעבען דער וועלט עסטעטיק, ציוויליזאַציאָן און פּראָגרעס; די גריכען זיינען געווען די בעסטע מאַטעמאַטיקער, אסטראָנאָמער, געאָגראפיסטען, מעדיקער און אַנאַטאָמיקער. פילע אידען וואָס האָבען געקענט גוט גריכיש האָבען באמערקט אז די גריכישע לעהרע שטימט ניט מיט די יסודות פון אידענטום.— אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געגעבען צו דער גאנצער וועלט אַ גאָט און אַ תורה — וואָס אונזער לעהרע האָט מעהר געוויכט ווי זייערע, דאָך האָט די גריכישע לעהרע באאיינ־פלוסט א גרויסען טייל פון אונזער יוגענד: אַ סך אידען איבערהויפּט פון די העכערע קלאַסען, זיינען פארבלענדט געוואָרען פון דעם פרעהליכען אָרט לעבען און די פרייע זיטען פון די גריכען, מיט זייערע טעאַטערס און עפענטליכע שפּילען. די ליבע צו פרייהט, צו וויסענשאַפט און צו קונסט האָט באאיינפלוסט דאָס אידישע יוגענד. — זיי זיינען אָפּגעריסען געוואָרען פון זייער אמונה און פאָלק. די דאָזיגע אידען האָבען זיך גערופען „העלעניסטען״, זיי האָבען אויך

פארנומען ביי די גריכען באוואוסטע סטעלעס אין דער מלוכה. — מיט דער צייט ביי די שפּעטערע גריכען זיינען די בעסערע זייטען פון ציוויליזאציאָן געוואָרען שוואַכער, ארויסגעטראָטען זיינען די ערגערע זייטען: א גראָבער געצענדינערישער גלויבען, צולאָזענע זיטען, א געיעג נאָך תענוגים און א תאוה צו וואוילטאָג. אזעלכע מדות זיינען געווען דערווידער דעם גייסט פון אידענטום. משה׳ס געזעצען פון גאָט האָבען געלערענט די אידען צו פיהרען אַן איינפלוסרייך לעבען. אָפּהיטען די ריינע זיטען, זיך אָפּהאַלטען פון לוקסוס, זיך ניט יאָגען נאָך פארגעניגענס און דינען צום איינציגען גאָט צו דעם באַשעשער פון דער נאַטור. ניט צו אָפּגעטער, וואָס שטעלען פאָר פארשידענע קרעפטען פון דער נאַטור. פייערדיקע העלעניסטען זיינען געווען ישוע, יאזאן און זיינע נאָכפאָלגער מענעלוס וואָס האָבען פארשוועכט די כהונה; געקויפט די כהונה גדולה פאר אגרויסע סומע געלט ביי דעם צורר אנטיוכוס. פילע אידישע אידעאליסטען האָבען געוועקט דעם אידען צום נאַציאָנאלען געפיהל. דער אידישער חכם יהושע בן־סירא, וועלכער האָט אָנגעשריבען גלענצענדע משלים: „משלי בן־סירא, איז ארויסגעטראָטען אלס פייערדיגער קעמפער פאר דער אידישער עמאַנסיפּאַציע. אין די לעהרען פון בן־סירא באמערקט זיך אַ שטרעבונג צו ווירקען געגען דער „העלעניסטישע״ חכמה (חכמת—יון), וועלכע שטימט ניט מיט די יסודות פון אידענטהום, אזוי צום ביישפּיל, איז געגענדער לעהרע פון די גריכישע פילאָזאָפען, אז עס איז דאָ אַ שיקזאַל, וואָס באשטימט די אויפפיהרונג פון די מענשען, שטעלט ארויס בן־סירא די לעהרע אז דער מענש האָט א פרייען ווילען, און איז אליין פאראנטוואָרטליך פאר זיינע מעשים. ער שרייבט: „זאָג ניט דורך גאָט האָב איך געזינדיגט — גאָט האָט צוערשט באַשאַפען דעם מענשען, און האָט איהם איבערגעלאָזט צו זיין אייגענעם ווילען. פאַר דיר איז פייער און וואַסער: קענסט אויסשטרעקען די האנט וואוהין דו ווילסט. פאר׳ן מענשען איז לעבען און טויט, און וואָס איהם געפעלט דאָס וועט איהם געגעבען ווערען״. נאָר זיינע פערעלדיגע ווערטער האָט גאָר נישט געהאָלפען אויף א טייל היץ־קעפּ פון אַמאָליגע העלעניסטען, וועלכע האָבען גע׳פּועל׳ט ביי דעם רשע אנטיוכוס, ער זאָל פארניכטען דאָס גאנצע אידענטום מיט גזרות רעות. נאָר ניט קוקענדיג אויף דאָס אלעס איז אונזער פאָלק פאָרט געבליבען אַן אייביגער עלעמענט אויף דער גרויסער וועלט און אָפּגעוואָרפען פון זיך די אסימילאַטאָרען, און „מלכות יון״ איז אראָפּ פון דער וועלט סצענע. איז דאָך אַ פראַגע ווארום? מיט וואָס איז געווען די אידישע פאָלק שטאַרקער ווי „מלכות יון״? ווארום איז דאָס אידישע פאָלק געבליבען אַן אייביגער עלעמענט אויף דער וועלט? — ווען אין דער צייט זיינען: אשור, בבל, גרעקען, רימלאנער אראָפּ פון דער וועלט סצענע! צו דערקלעהרען דאָס אלעס, וועלען מיר דעם ענין ארומריידען באריכות: —

די היסטאָרישע פאָרשער זאָגען אַז איטליכעס פאָלק האָט אַ מיסיע אויסצופיהרען, שאַפט איהר היסטאָריע, ליטעראטור און אַז זי פאָלגט אויס איהר

לעהרע, חכמה, תורה, דאַן געהט דאָס פאָלק אראָפּ פון דער וועלט סצענע, אזוי איז געוועז מיט מלכות יון. איז דאָך אַ פראגע תורת־משה, תלמוד און אונזערע ספרי־פילוסופיא זיינען דאָך אויך שוין לאַנג איבערגעשריבען אין פילע לשונות און פילע עקזעמפּליאַרען און דאָך פונדעסטוועגען ב״ה עקזיס־טירען מיר אויף אייביג. ווארום איז אונזער פאָלק אַנדערש ווי אלע פעלקער? נאָך איהר אויספיהרען איהר מיסיע האָט זי דאָך חו״ס אויך געדארפט אונטער־געהן ווי אשור, בבל, גרעקען און רימלאנער? מיט וואָס בלייבט זי אייביג? וואָס פאַר אַ קראַפט, אַ כוח ליגט אין איהר? — איך וועל דאָ געבען אַ באַ־לייכטונג און אַ ערקלעהרונג אין וואָס באשטעהט דער כוח פון די אומה הישראלית כדי מיר זאָלען האָבען א ריכטיגען באגריף וועגען אונזער פאָלק.

עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען צוויי תורות פון פארשידענע פעלקער: די לעהרע פון די גרעקען־רימלאנער איז געוועז אַן אויסענוועניגסטע שעהנקייט, וואָס פארבלענדט די אויגען, וועקט דאָס בלוט ביי די אלימפּישע שפּילען פון די נאַקעטע שעהנע פרויען. דער עפּעל איז אויסענוועניג שעהן אָבער אינוועניג פארפוילט; די הארץ פיהלט און דאָס אויג זעהט; אָבער אַ מענש דארף זיך קאָנטראָלירען, באדענקען זיך, זעהן דעם סוף פון דער זאַך, וואָס קען דערפון ארויסקומען; עסען צופיל האָניק איז אומגעזונט; עס איז אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען די לעהרע פון חכמות און וויסענשאפט פון די גרעקען און צווישען די לעהרע פון תורת משה, וואָס ספּרודעלט ווי א קוואַל מיט מדות־טובות, בישנות צניעות און מוסר השכל. — וואָס אָנבאלאנגט וועגען לעהרע, וויסענשאַפט איז אונז אלץ איינס ווער דער לעהרער איז, מיט וואָס ער באשעפטיגט זיך און וואָס פאַר אַ לעבען ער פיהרט; מיר האָבען ליעב די האָניק איבער איהר זיסקייט, אָבער דעם בין ליבען מיר ניט אזוי; אויך אַז מען גיט אונז אַ גאָלדענע מטבע פרעגען מיר ניט וועמעס דאָס איז און פון וואַנען איז איהר ארויסגאַנג, ווי באַלד דאָס גאָלד איז גוט און ריין איז אונז אלצאיינס וועמעס דאָס איז;; אזוי איז דאָ ביי חכמת־יון, מיר האָבען קיין שום עסק ניט מיט׳ן פּריוואַטען לעבען פון לעהרער, נאַר — מיט זיין חכמה, וואָס ער האָט געשאַפען. אָט דאָס איז די כונה פון בן זומה: איזה חכם הלומד מכל אדם שנאמר מכל מלמדי השכלתי כי עדותיך שיחה לי. — דאָס מיינט, מיר קענען לערנען פון איטליכען מענשען ניט וויסענדיג ווער און וואָס ער איז. די חכמה איז דער עיקר און ניט דער לעהרער. און אויב דער ספר איז גוט אָנגעשריבען און גוט ערקלערט קענען מיר לערנען זיין חכמה, און דעם פאַר־פאַסער דארפען מיר ניט האָבען. אָבער ניט אזוי איז די לעהרע פון מוסר, מדות טובות בישנות און צניעות. דאָ עקזיסטירט נאַר דער לעהרער, דער מענש אליין, ווארום דאָ מוז דער פרעדיגער זיין דער סימבאָל פאַר דער מענש־הייט, אָפּעלירען צו זייער געוויסען, ווייזען אַ ביישפּיל מיט זיך אליין ווי מען דארף לעבען. דאָ קענען מיר ניט פאַנאַנדערשיידען צווישען מענשען און זיין

לעהרע, ווארום דער מענש און זיין לעהרע מוזען געהן צוזאַמען. זיינע שעהנע רייד קענען אויף ניט ווירקען אויב ער אַליין פּילט אלץ ניט אויס, אזוי ווי ער פּרעדיגט און אַפּעלירט. דער לעהרער פון מאָראַל מיט זיין אויפפיהרונג און אַרט לעבען מוז ער אונז געבען אַ ביישפּיעל ווי צו לעבען דאַן ווירקט אויף אונז זיין לעהרע. זיינע רייד וועגען מדות טובות וועלען פאַרשריבען ווערען אין ביכער און מיר וועלען זיי לעזען טויזענטער מאָל, וועלען זיי אויף אונז קיין ווירקונג ניט האָבען, דאָ ווירקט נאָר דער לעבעדיגער מענש מיט זיין אויפפיהרונג אין לעבען, אז מיר זאָלען אויך נאָכטאָן זיין פיהרונג — אָבער ניט די טויטע ווערטער.

אָט דאָס איז דער אונטערשיעד צווישען די אידען און גרעקען. — די גרעקען זיינען געווען: פּאָעטען, קינסטלער, מאַטעמאַטיקער, אסטראָנאָמער, מעדיקער, אָבער ניט לעהרער פון מאָראַל און מדות טובות, ניט די יונים און די רומאים האָבען געלעבט א ריינעם אָרענטליכען לעבען. די גרעקען האָבען געגעבען צו דער וועלט עטיק און מאָראל — כנסת ישראל האָט וועלט די געטליכקייט געלערענט און איהר די ביבעל געשאָנקען, ווירדע און שטאָלץ, אַ מוסטער פאַר מארטירערטום, פון אויסדויער און האָפענונג. — די גרעקען האָבען זייערע הכמות למודים אויסגעפילט אָנגעשריבען, זייער מיסיע האָט זיך געענדיגט און זיי זיינען אראָפּ פון דער וועלט סצענע. מיר פאַרשטעהן גוט די רייד פון די געלערענטע יונים דורך זייערע ביכער אין וועלכע זיי דריקען אויס זייער לעהרע.

אָבער דאָס אידישע פאָלק איז דער קולטור־טרעגער פון מדות טובות, מוסר ביישנות און צניעות מיט וועלכע דאָס פאָלק צייכענט זיך אויס נאָך פון זיינע אָבות ביז היינטיגען טאָג און אויף אייביג. דאָס פאָלק ישראל האָט געגעבען אַ גאָט צו דער גאנצער וועלט, דאָס פאָלק לעבט נאָך זיין תורה, צייכענט זיך אויס מיט זיין ריינעם פאַמיליען לעבען, וואָס איז ווייט פון הפקרות און זנות — פון זולל וסוב׳ניקעס און שכרות. צו אַזאַ שטופע־מדרגה האָבען די קולטורעלע פעלקער ניט דערגרייכט. און ניט קוקענדיג דערויף וואָס די גריכישע לעהרע האָט פאַרפיהרט פילע פון אונזער יוגענד, אָפּגעבראָכען זיך צווייגען פון גרויסען בוים, אָבער דאָך פאַרבליבען דער גרויסער בוים און זיך פאַנאַנדערגעבליעט. אין יענער עפּאָכע האָט ישראל סבא באקומען זיין פריערדיגען גלאַנץ, אָנגעזאָפּט זיך מיט אידישע טראַדיציעס און מיט אידישע לעבענס דערפאַרונג. אונזער פאָלק איז פאַרבליבען פון אונזערע חכמים מיט טייערע זיטען, מדות טובות, וועלכע זיינען איינגעזויגען געוואָרען אין איהר בלוט און פלייש. — ניט קוקענדיג דערויף וואָס אונזער תורה — תורת אמת איז איבערגעזעצט אויך אויף אנדערע שפּראַכען האָט אונזער פאָלק נאָך ניט אויסגעפירט זיין מיסיע ווי אַנדערע פעלקער. ווארום אונזער פאָלק איז דער לעהרער — דער קוואַל פון

מוסר, מדות טובות ביישנות און צניעות צווישען אַלע פעלקער. דאָס אידישע פאָלק ווירקט אויף די אמות העולם און איז זיי מחזיר למוטב מיט זיין אויפ־פיהרונג, מיט זיין לעהרע און מיט זיינע מעשים טובים. דאָס פאָלק, וואָס האָט געגעבען צו דער גאנצער וועלט אַ גאָט, דאָס פאָלק וואָס איז דאָס האַרץ פון דער וועלט, דאָס פאָלק וואָס איז דער וועג־ווייזער צו דער אויסלייזונג פון דער מענשהייט — אָט דאָס פאָלק בלייבט אַ סימבאָל פאר דער מענשהייט אויף אייביג. — „הן עד לאומים נתתיו נגיד ומצוה לאומים הן גוי לא תדע תקרא וגוי לא ידעוך אליך ירוצו למען ד׳ אלקיך ולקדוש ישראל כי פארך״ (ישעיהו נ״ה) — „זעה, צו זיין אַ שטראָפער פון פעלקער האָב איך דיך (איהם) באַ־שטימט, אַ פירשט און אַ בעהעלפער פון נאַציאָנען. זעה אַ נאַציאָן וואָס דו האָסט גאָר ניט געקענט וועסטו צורופען צו דיר, און אַ נאַציאָן וואָס האָט דיך ניט געקענט, וועט לויפען צו דיר, צוליעב גאָט דיין הער; צוליב דעם הייליגען פון ישראל וועלכער האָט דיר באַצירט״.

* * *

אזוי ווי די פאַרשטעהער פון די „העלעניסטען״: יאַזאָן, אלקימוס און מענאַליאוס זיינען געווען בלינד און נאַריש מיט דעם, וואָס זיי האָבען נאָכ־געיאָגט נאָך דער לעהרע און תאות פון די יונים, אָט אזוי ענליך צו זיי זיינען אַ טייל פון אונזער פאָלק אין צוואנציגסטען יאָהר־הונדערט מיט׳ן נאָמען „אַסי־מילאַטאָרען״. — זיי טאַנצען נאָך דעם גוי אין אלעס, רייבען זיך מיט איהם די פלייצעס. דאָס אלעס ווערט בולט נאָר דאַן ווען דער איד ווערט צולאָזען אין גלות, און עס הויבט זיך איהם אָן גרינגער צו לעבען, וישמן ישורון ויבעט... ווען דער איד ווערט פעט, הויבט ער אָן צו בריקען... צום ביישפיל וועלען מיר נעהמען דייטשלאַנד: די אידישע גלייכבארעכטיגונג איז אָנגענומען גע־וואָרען אלס געזעץ אין גאנץ דייטשלאנד פון יאָהר 1867. פון דעמאָלט אָן, האָבען אידען אָפּגעאָטעמט, האָבען געשטראָמט אידען פון פוילען, רוסלאנד, און אז. וו. צו דער מוטער דייטשלאנד. די מעהרהייט פון דער אידישער באפעל־קערונג, האָט אראָפּגעוואָרפען פון זיך די לאַנגע קאַפּאָטע, באָרד און פאות, אָנגעטאָן אַ פראַק מיט ווייסע האנדשען און צילינדער, און געוואָרען „יעקעלע״ אַן עכטער דייטש, און א נאָמען געגעבען זיך אין דייטשלאַנד: „דייטשען פון משה׳ס גלויבען״. — פארגעסען האָט דער איד די אמאָליגע „קאָסטיומען מיט דער געלער לאַטע״ מיט וואָס מען האָט אממאָל מכבד געווען דעם איד׳ן. אויך די רדיפות פון 14־טען יאָהר־הונדערט: „דער שווארצער טויט״ — ביסלעכ־ווייז האָט זיך דער איד צוגעפּאַסט צום דייטשען לעבען און אזוי ווי דער איד איז פול מיט דינאַמיק, מיט שאַפונגס־ברויז און מיט לעבענס אימפּעט, האָט ער אָנגעהויבען בויען, פראָדוצורען און אינגיכען גענומען אַנטייל אין האנדעל און

פינאַנץ, אין דער פּאָליטיק, אין געריכט, אין דער פּרעסע און וויסענשאַפט. פילע אידען זיינען געוואָרען באַנקירען, פילע האָבען פאַרנומען שטעלעס פאַר פּראָפעסאָרען אין אוניווערזיטעטען. מיר זעהען פאר זיך איצט אַ גרויסע אויפלעבונג אין דער דייטשער ליטעראטור, אין דער וויסענשאַפט און אפילו אין דער קונסט. פון אידישע קרעפטען און טאַלאַנטען. — און אימפּאָזאַנט וואָלט געווען די רשימה וואָס מ׳וואָלט געקענט פעסטשטעלען אין דייטשלאַנד און אַנדערשוואו פון אידישע נעמען וואָס שטעהן אין דער ערשטער רייע פון אַט די אַלע צווייגען פון קולטור. — צוזאַמען מיט די גוטע רעזולטאַטען האָט די גלייכבאַרעכטיגונג באַשאַפען אין דעם לעבען פון דייטשע אידען אויך אָבנאָר־מאַלע דערשיינונגען. די נאַטירליכע און נויטיגע דערנעהענטערונג צווישען די אידען און די קריסטען אויפ׳ן באָדען פון אלגעמיינע אינטערעסען, פלעגט אָפט אריבערגעהן צו אַ צונויפמישונג פון די אידען מיט די קריסטען. און אי־דיש־דייטשע קרעפטען און טאַלאַנטען, האָבען פארשווענדעט 125 יאָהר לעבען צו שאַפען אן „עגל הזהב״, אַ מאָדערנעם „אסימילאַציאָן״.

די אַנהענגער פון דער אסימילאַציע האָבען אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם ע״ל התורה והיראה, אויסגעמעקט פון סידור: „ציון וירושלים״ — געבליבען אָרים־נאַקעט פון אידישקייט, און האָבען גערעכענט אז די איינציגע פאָדים וואָס פארבינדט זיי מיט׳ן אידענטום, איז די רעליגיאָן, און אזוי ווי אונטער דעם איינפלוס פון די נייע אידעען איז דאָס רעליגיעזע געפיל אָפּגעשוואַכט געוואָרען ביי די אידען, פלעגט זיך דיזע פאָדים אויך איבעררייסען, מען פלעגט זיך רייבען פלייצעס מיט׳ן דייטשען גוי און דער יונגער דור פלעגט זיך אַלץ מעהר דערווייטערען פון אידענטום און זיינע נאַציאָנאלע אינטערעסען און זיך פארלירען צווישען די דייטשען. און אזוי איז באַשאַפען געווארען דער אידיש־דייטשער אַסימילאַציאָן. זיי — די אסימילאַטאָרען — זיינען געוועזן נאכט־וואַנדלער, זייערע מעטאָדען זיינען באַשטאַנען אין ניט וויסען, זעהן פארליי־קענען, קליין־זיין, פארזונקען, אינערליכע אונטערטעניגקייט. קנעכטיש ארומ־געהן אויף די שפּיץ פינגער, און שפינען געוועבען, וואָס דער נעקסטער טאָג צורייסט. פילע אידישע אידעאַליסטען האָבען אַנגעצייכענט דעם „שביל־הזהב״ פאר׳ן אידישען פאָלק, געטרייסעלט, געוועקט דעם דייטשען אידען צום נאַציאָנאַלען געפיל, גבריאל ריסער, וועלכער האָט ארויסגעגעבען (אין די יאָהרען 1830, אַ זשורנאל „דער יודע״ אין דייטש), איז ארויסגעטראָטען אַלס פייערדיגער קעמפער פאר דער אידישער עמאַנסיפּאַציע, האָט געוועקט דעם געפיל פון זעלבסט־אכטונג אין זיינע פאָלקס ברידער און האָט פאַרדאַמט די אַפּטרוניגע: „ניט עהרליך איז דער זוהן — פלעגט ער זאָגען — וואָס שעהמט זיך מיט זיין פאָטער, און ניט עהרליך איז דער דור, וואָס שעהמט זיך מיט זיין פארגאנגענהייט״. — און אזוי ווי אין אַלע צייטען, ווען דאָס אידישע פאָלק געהט ארויף, און נאָר וואָס א מלוכה אויפ׳ן שפּיץ פון איהר גליק און הויבט

זיך אָן אַסימילירען, דאַן גיסט זיך אויס דער כעס פון גאָט, אויף זיין פאָלק ישראל.

דער אידיש־דייטשער גליק האָט זיך אָנגעהויבען ווארפען אין די אויגען פון אונזערע שונאים און אַ פינסטערער, אַ קרעפטיגער כח, מיט׳ן באוואוסטען נאָמען „אנטיסעמיטיזם״, האָט אָנגעהויבען צו פאַרפאָלגען די אידען אין דייטשלאנד. „אנטיסעמיטיזם״ — איז נאָר אַ פאַרזוך אויפצולעבען מיטעל־אלטערליכער פיינדשאפט צו די אידען אין אַ נייער פאָרמע. אזוי ווי אמאָל האָבען גע׳טענה׳ט לבנ׳ס קינדער: „כל מאשר לאבינו עשה את כל החיל הזה״. יעקב האָט אוועקגענומען אלץ וואָס אונזער פאָטער האָט געהאט, און פון דעם וואָס האָט באלאנגט צו אונזער פאָטער האָט ער אָנגעזאמעלט „די רייכקייט״ און אזוי ווי המן — דער בעדער — האָט גע׳טענה׳ט: „ואת דתי המלך אינם עושים״ — „דעם קעניגס באַפעלען טוען זיי ניט״ אזוי האָט גע׳טענה׳ט דער איצטיגער המן — דער מולער — אז דער איד האָט פאַרכאַפּט אין דייטשלאנד אלעס אין זיינע הענט, און שטויסט ארויס כלמרשט דעם קריסט; פאָדערען זיי אַזעלכע באשרענקונגען און אונטערדריקונגען געגען די אידען, וועלכע זאָלען זיי רואינירען און צווינגען אויסצואוואַנדערען אין אנדערע לענדער. „אמת״ — זאָגען די שונאי ישראל — איהר זענט געבילדעטער פון אונז, פילע פון אייערע זיידעס, זיינען גע׳שמד׳טע, און צומישט מיט אונזער בלוט, אָבער דאָך דאַרפען מיר אייך ניט״. און איטליכע אידישע הארץ באגיסט זיך מיט בלוט צוקוקענדיג צו די רציחות וואָס עס טוען אָפּ די נאַציס אַנטקעגען די אידישע דייטשען. אפילו דורות משומדים ווערען ארויסגעוואָרפען פון די קלויסטערס, און דער „עגל־הזהב״ — דער נייער מאָדערנער אידיש־דייטשער „אסימילאַציאָן״, איז פארברענט געווארען אין פייער, דורכ׳ן אנטיסעמיטיזם, און צומאָלט ביז עס איז זעהר דין געוואָרען, און ער איז פארשפרייט געוואָרען אויף דעם וואַסער... די וועלט לערענט אונז אזוי, אוועקגעהן פון אידענטום קאָן נישט דער איד, ער האָט נישט וואוהין. אַ איד, וואָס אַסימילירט זיך, ווערט נישט קיין גוי, נאָר אן אסימילירטער איד; אַ איד וואָס געהט אַוועק פון זיין אידישער סביבה, וואַקסט ניט אריין אין קיין נייער סביבה, נאָר איז פאַראורטיילט זיך צו פלאָנטערען צווישען די פיס אלס פרעמדער, אלס אַ־ניט געבעטענער, אלס דער וואָס ברענגט אריין „דיסהאַרמאָניע״. און אונזערע אידען קוקען מיט מיטלייד אויף „שה פזורה ישראל״— וואָס איז פארפירט געווארען „פון זיך זעלבסט און וואָס שלאָגען זיך „על־חטא״. דער „על־חטא״ העלפט אָבער ניט די אסימילאַטאָרען, אנדערע שטאַרבען אָפּ פון זיי מיט אַ גרינגערען טויט און אנדערע מיט אַ שווערע גסיסה.

(החלק השני יהיה נדפס בקרב)